בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קודש

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

## דברי פתיחה להתחלת הזמן

ביחד עם סעודה לסיום מסכת פסחים

## בחוקתי תשכ"ד

**דרוש בעניני לימוד התורה ומדות טובות**

• הלומד תורה: ניצול מן החטא, טועם טעם מתיקות התורה, צריך להתעלות תמיד במדריגות במדות ובהבנת התורה. • תורה שלא לשמה: כשמביא לידי לִשְׁמָהּ נקרא "הכנה למצוה", וּמַשְׁפִּיעַ טובות בעולם הזה • כשלומד "על מנת לעשות" נחשב כמי שכבר "עשה" • ברכת שהחיינו עַל פִּדְיוֹן הַבֵּן • בְּמָטוּתָא מִינַּיְיכוּ לָא תֵירְתוּן תַּרְתֵּי גֵּיהִנֹּם • למדן שאין לו מדות טובות יש לו גיהנם בעולם הזה • ארבע מדות יש בהולכי בית המדרש • שְׂכַר מִצְוָה בְּהַאי עַלְמָא: ע"י הכנה למצוה, וע"י מצוה שֶׁמְּהַנֶּה אחרים •

**נעתקו בלשון אידיש**

## בהוספת ביאורים והערות

**להבנת הענין**

שנת תשע"ט לפ"ק



KolSatmar.com

יצא לאור ע״י

**מערכת לשון קדשו**

מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040

צו נעמען א חלק דורך א קרעדיט קארטל: **718-673-2199**

---

**קונטרס 104**

**לשמיעת הדברות קודש:**

(בארה״ב) **718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערן די תורה **דברי פתיחה - בחוקתי תשכ״ד**

דרוקט: **#→1024.1→3→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(26 מינוט) **זייער קלאָר**

★ ★ ★ ★ ★

---

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

לע״נ הרה״ח מחשובי תלמידי רביה״ק זי״ע

אשר כל ימיו עסק לטובת הכלל לעשות רצון צדיק ודבק נפשו במשנתו הטהורה

הרה״ח ר׳ **דוד מאיר** בן הר״ר קלונימוס קלמן ע״ה **ווייס**

נפטר כ״ח אייר תש״נ לפ״ק

•

לעילוי נשמת האשה החשובה והצנועה המפורסמת במעשה צדקה וחסד

מרת **קילא** בת מוה״ר **אברהם דוד** ז״ל

אשת הרה״ח מוה״ר **דוד ארי׳ ווידער** ז״ל

נפטרה כ״ב אייר תש״נ לפ״ק

•

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת בחוקתי

**א**

**קושיא א - ב**

בילקוט ראובני: אדם הראשון אלמלי למד תורה לא היה מת, לכך כתיב אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ. וצ"ב הכוונה, וגם השייכות לכאן.

**אִם[א] בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם.**

**בתנחומא[ב]** (סימן א) איתא: זה שאמר הכתוב (איוב יד, ה) אִם חֲרוּצִים יָמָיו מִסְפַּר חֳדָשָׁיו אִתָּךְ, חֻקָּו עָשִׂיתָ וְלֹא יַעֲבוֹר. כשברא הקב"ה את העולם חָרַץ ימיו של כל אחד ואחד וכו', אמר הקדוש ברוך הוא לישראל אם עשיתם חוקי אין השטן נוגע בכם וכו', אדם הראשון אילו שמר את התורה ואת המצוה שנתתי לו, לא מת, לפיכך כתיב אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ. עכ"ד המדרש, והובא בילקוט שמעוני (כאן רמז תרצא).

**ובילקוט ראובני** (פרשת בראשית) מביא מדרש זה בשם הילקוט שמעוני כאן בשינוי לשון קצת, וז"ל, אדם הראשון אלמלי "למד תורה" לא מת, לפיכך כתיב אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ.

**א)** וצריך ביאור להבין כוונת המדרש דאלמלי למד תורה לא היה מת.

**ב)** וגם להבין השייכות מזה להפסוק אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ.

**ב**

**קושיא ג - מתוך הדרוש**

איך נאמר כאן יעודים של שכר עולם הזה בקיום המצות, והלא שכר מצוה בהאי עלמא ליכא

**ג)** הקשו המפרשים, על מה שנאמר בפרשה זו אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, ועל זה הבטיח הכתוב וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וגו', ושאר כל הבטחות ויעודים שהם בשכר עולם הזה. ועל זה קשה דהלא אמרו חכז"ל שכר מצוה בהאי עלמא ליכא. (הקושיא בדברי רבינו באות סט)

**ג**

# קושיות ודיוקים במסכת פסחים

בגמרא שקיל וטרי מי מברך שהחיינו על פדיון הבן, דשמא הכהן מברך משום דקמטי הנאה לידיה, עד שנפשטה בבית המדרש דאבי הבן מברך גם שהחיינו

**בסיומא דמסכת פסחים** (דף קכא:) **איתא:**

רבי שמלאי איקלע לפדיון הבן, בעו מיניה, פשיטא [בהברכות שעושין] על פדיון הבן, [כי ברכת] אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל פִּדְיוֹן הַבֵּן, 'אבי הבן' מברך, [אבל השאלה הוא בברכת] בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה, [אם] 'כהן' מברך, או 'אבי הבן' מברך. [האם] כהן מברך, [משום] דקמטי הנאה לידיה [שמקבל החמשה סלעים], או אבי הבן מברך [משום] דקא עביד מצוה. לא הוה בידיה [להשיב], אתא שאיל בי מדרשא, אמרו ליה 'אבי הבן' מברך "שתים". והילכתא, אבי הבן מברך שתים.

הדרן עלך ערבי פסחים וסליקא לך מסכת פסחים.

---

[א] התחלת הדרוש (עד אות ט) חסר מן הריקארדינג, ונשלם מתוך הדרוש, ומתוך הנדפס בדברי יואל.

[ב] **בתנחומא** (סימן א): **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ** וגו', זש"ה אִם חֲרוּצִים יָמָיו [מִסְפַּר חֳדָשָׁיו אִתָּךְ חֻקָּו עָשִׂיתָ וְלֹא יַעֲבֹר] (איוב יד, ה). מהו אִם חֲרוּצִים יָמָיו, כשברא הקב"ה את העולם חרץ ימיו של כל אחד ואחד, שנאמר (בראשית א, יד) וְהָיוּ לְאֹתֹת וּלְמוֹעֲדִים [וּלְיָמִים וְשָׁנִים], ולמי נתנם לישראל, שנאמר (תהלים קמז, יט) מַגִּיד דְּבָרָו לְיַעֲקֹב [חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו לְיִשְׂרָאֵל], מספר חדשיו אתך חקיו עשית, אמר הקב"ה לישראל, אם עשיתם חוקי, אין השטן נוגע בכם, שנאמר (ישעי' כח, יט) מִדֵּי עָבְרוֹ יִקַּח אֶתְכֶם, חקיו עשית ולא יעבור, כך אמרתי לשלמה בשעה ששאל את החכמה, ומה אמרתי לו, גַּם אֲשֶׁר לֹא שָׁאַלְתָּ נָתַתִּי לָךְ גַּם עֹשֶׁר גַּם כָּבוֹד (מלכים א' ג, יג), ואם תקיים את התורה אין מלאך המות נוגע בך, שנאמר לו וְהַאֲרַכְתִּי אֶת יָמֶיךָ (שם, יד). חֻקָּיו עָשִׂיתָ וְלֹא יַעֲבֹר וגו', אדם הראשון אילו שמר את התורה ואת המצות שנתתי לו, לא מת, לפיכך כתיב **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ** וגו'.

KolSatmar.com

## ד
## קושיא ד

**ויש להבין מה קא סלקא דעתיה דהכהן מברך, והלא רק אבי הבן הוא המקיים המצוה. ואף שהכהן שמרויח ממון, הלא לא מצינו לברך שהחיינו על סתם הרווחת הממון**

ד) ומבואר מהכא שהיה ספק בדבר אם האב יברך ברכת שהחיינו או הכהן, וצריכים להבין הסלקא דעתא דהגמרא, מה היה הסברא לומר שהכהן יברך שהחיינו, והלא מצות פדיון הבן אינו מוטלת כי אם על האב, שהוא הַמְּצֻוֶּה לפדות בנו אצל הכהן, והכהן רק מקבל את מעות הפדיון ממנו כדי שיוכל לקיים המצוה, אבל אין חיוב המצוה על הכהן כלל, ואם כן למה יברך הכהן שהחיינו משום שמקבל "ריוח ממון", וכי בכל עת שהאדם מרויח כסף או שוה כסף עליו לברך שהחיינו, והלא לא מצינו רק בקונה בית חדש או קונה כלים חדשים (ברכות נט:), אבל לא בסתם הרווחת ממון בעלמא?

## ה
## ישוב קושיא ד - אופן א

**וחשבתי דיען שהכהן הוא "מסייע" לדבר מצוה, על כן היה סברא שהוא יברך. ושוב מצאתי בצל"ח שמתרץ כן**

וחשבתי לומר, דאולי ספיקא דגמרא שהכהן יברך שהחיינו, הוא משום דכיון שהכהן הוא עכ"פ "מסייע" לקיום המצוה, שהרי אין המצוה נגמר אלא בזה שמקבל המעות מיד האב, ובלעדי הכהן לא יתכן לקיים המצוה, על כן הוה הכהן כמו תשמישי מצוה, לכן מספקא להו בתחילה דשמא הכהן מברך.

ואחר כך ראיתי כי קושיא זו הלא היא כתובה על ספר הצל"ח (סוף פסחים), ותירץ (בד"ה עוד נראה לי) בעין מה שאמרנו[ג].

## ו
## דחיית הישוב על קושיא ד

**אבל עדיין קשה, דהלא בגמרא אמרו טעם אחר, משום דקמטי הנאה לידיה**

אמנם אכתי לא הונח לן בהך תירוצא, דלפי זה עיקר חסר מן הספר, דהא בגמרא לא אמרו הכי. שהרי לפירוש זה טעם הספק שמא הכהן מברך, הוא משום שהוא "המסייע" לקיום המצוה, שבאמצעות לקיחתו את כסף הפדיון מן האב נגמרת המצוה, אבל בגמרא אין רמז ורמיזא לטעם זה, דלא קאמר אלא הטעם משום "דמטי הנאה לידיה".

---

[ג] **בצל"ח** (סוף פסחים): רבי שמלאי איקלע לפדיון הבן, בעו מיניה פשיטא וכו'. יש לדקדק למה הוצרך לומר מה דפשיטא ליה, ולא היה לו לשאול רק שהחיינו מי מברך. ונלע"ד דודאי היה פשוט מסברא חיצונה שיברך אבי הבן, דכיון דאיהו קעביד המצוה איהו העיקר, אבל היה ספיקא דיליה לפי שאפשר גם סברא לאידך גיסא שהכהן יברך, והוא על פי מה שנחלקו בו הרמ"א והאחרונים ביורה דעה סימן ש"ה סעיף יו"ד, שפסק הרמ"א בסוף הגהה שאין האב יכול לפדות ע"י שליח וכו' ... ומקורו הוא מדברי הריב"ש בסימן קל"א בדברי השואל, שתמה השואל על דברי הרמב"ם שפסק הפודה בנו מברך "על פדיון" הבן [ולא מברך "לפדות" הבן], כיון שעיקרו על אב רמיא, אבל על ידי שליח ועל ידי בית דין לית לן. וכוונת השואל על פי מה שהביא הרא"ש בפרק קמא דפסחים רמז יו"ד בשם הריב"א, דמצוה שאפשר לעשות ע"י שליח מברך ב"על", ומצוה שצריך לעשות בעצמו ואי אפשר על ידי שליח צריך לברך בלמ"ד, עיין שם ברא"ש. ולפי"ז אם פשיטא לן שאבי הבן מברך אשר קדשנו במצותיו וצונו על פדיון הבן, אם כן מוכח שאפשר לפדות ע"י שליח. וזה כוונת הבעל הבעיא, **פשיטא על פדיון הבן אשר קדשנו במצותיו וצונו על פדיון הבן אבי הבן מברך**, אם כן כיון שנוסח הברכה בעל, מכלל שיכול לעשות על ידי שליח, ולכך שוב בעי שהחיינו מי מברך.

עוד נראה לי באופן אחר, והוא עפ"י מה שהשיב הריב"ש שם להשואל שלכך הנוסח בכאן דמברך ב"על", לפי שמצוה זו לא נעשית ע"י אבי הבן לחודיה, כמו ציצית ותפילין וסוכה שהמצוה נעשית ע"י עצמו לבד, אבל מצוה זו נעשית בסיועת הכהן שמקבל הפדיון. וא"כ אפשר דמשום כי 'מטי הנאה' לחוד, לא היה מספקא ליה כלל שיברך שהחיינו, דא"כ כל המקבל מתנה מחבירו יברך שהחיינו, ובאמת לא שייך שהחיינו בזה כי אם בהגיע לידו כלים חדשים שהוא חשוב, אבל לא בשביל זוזי. אבל עיקר הספק הוא כיון שגם הכהן "מסייע" במצוה, לכך עליו לברך שהחיינו. ואפשר שזה כוונת הגמרא **דקא מטי הנאה לידיה**, כלומר שאין המצוה נגמרת עד שמטי הנאה לידיה. וזה כוונתו, **פשיטא דאבי הבן מברך אשר קדשנו במצותיו וצונו על פדיון הבן** ב"על", וצריך לומר הטעם משום דאין המצוה נגמרת ע"י האב לחוד, לכך מספקא ליה מי מברך שהחיינו.

KolSatmar.com

ז

ועוד דגם עצם הסברא לזה אינו מספיק, דסוף סוף האבי הבן הוא המקיים עצם המצוה,
ועל מה נימא שהכהן המסייע למצוה יברך, ולא אבי הבן המקיים עצם המצוה

ועוד דגם מצד הסברא עדיין קשה לתפוס כפירוש זה שהספק הוא משום שהכהן מסייע למצוה להתקיים, דאכתי אין מובן למה מספקא ליה שהכהן יברך, שהרי סוף סוף הא פשיטא דעיקר המצוה מוטלת על האב לחודיה לפדות את בנו, ואם כן מדוע נימא שהכהן שהוא אינו אלא מסייע בלבד יברך שהחיינו במקום שיש כאן האב הפודה שהוא עיקר המקיים המצוה.

ח

קושיא ה - מתוך הדרוש

בתחלת המסכת: אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר. ומפרש בגמרא דבלשון "אור" נקרא הלילה

בתחלת המסכת (דף ב.) איתא במשנה: אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר וכו׳. ובגמרא שם, מאי אור, רב הונא אמר נגהי [לשון אור ויום], ורב יהודה אמר לילי. קא סלקא דעתך דמאן דאמר נגהי נגהי ממש ומאן דאמר לילי לילי ממש, מיתיבי וכו׳. ושקיל וטרי שם בגמרא טובא על זה אי אור אורתא הוא [דהיינו לילה] או אור יממא הוא, עד שלבסוף מסיק הגמרא (בדף ג.) אלא בין רב הונא ובין רב יהודה דכולי עלמא אור אורתא הוא, ולא פליגי, מר כי אתריה ומר כי אתריה, באתריה דרב הונא קרו [ללילה] נגהי, ובאתריה דרב יהודה קרו לילי.

ויש להבין קישור ושילוב סוף המסכת לענין זה שבתחלתה

ד) וראוי להבין שילוב סוף המסכת לתחלתו, דמסיים בענין מי מברך שהחיינו על פדיון הבן, ומתחיל בענין בדיקת חמץ ובלישנא דאור. (הביאור בדברי רבינו באות סא- סה)

ט

# ביאורים במאמרי חז"ל

## בעניני תורה ויראת שמים, ומדות טובות (עד אחר אות נא)

בגמרא אמרו דלעולם יעסוק אדם בתורה ומצות אפילו שלא לשמה וגו׳, אבל גם אמרו הלומד שלא לשמה נוח לו שלא נברא

לעולם[ד] אין די גמרא איז אַ פלוגתא [=סתירה], אין די **גמרא** (פסחים נ:) **געפין מיר, לעולם יעסוק אדם בתורה אפילו "שלא לשמה", שמתוך שלא לשמה בא לשמה. - ס'איז ידוע אין תוספות די סתירה, - [כי] אין אַן אַנדערן פלאַץ [שטייט][ה] שכל הלומד תורה שלא לשמה נוח לו שלא נברא.**

י

והתוספות בכמה מקומות מיישבין הסתירה, דסתם שלא לשמה היינו "לְהִתְכַּבֵּד", או "לקבל שכר",
על זה אמרו דלעולם יעסוק אפילו שלא לשמה וכו׳. אבל כשהוא "לְקַנְטֵר" על זה אמרו דנוח לו שלא נברא

אַזוי אויף עטליכע מקומות[ו], רוב מקומות, זאָגט **תוספות** דעם חילוק [דיש תרתי גווני שלא לשמה, דיש] **"שלא לשמה"** [שהוא] **לְהִתְכַּבֵּד, און אויף לקבל שכר, דעס איז** [מה

---

[ד] כאן מתחיל הריקארדינג.

[ה] **בגמרא ברכות** (יז.): **מרגלא בפומיה דרבא, תכלית חכמה תשובה ומעשים טובים, שלא יהא אדם קורא ושונה ובועט באביו ובאמו וברבו ובמי שהוא גדול ממנו בחכמה ובמנין, שנאמר** (תהלים קיא, י) **רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה׳ שֵׂכֶל טוֹב לְכָל עֹשֵׂיהֶם, לעושים לא נאמר** [ובדפו"י 'ללומדיהם' לא נאמר, וכ"ה בתוס׳ סוטה ובמהרש"א ברכות] **אלא לעושיהם, לעושים לשמה, ולא לעושים שלא לשמה. וכל העושה שלא לשמה נוח לו שלא נברא.**

[ו] **בתוספות ברכות** (יז.): **העושה שלא לשמה נוח לו שלא נברא.** ואם תאמר, האמר רב יהודה אמר רב פרק מקום שנהגו (פסחים נ:) לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה. ויש לומר 'דהכא' מיירי שאינו לומד אלא לקנתר חביריו, 'והתם' מיירי שלומד על מנת שיכבדוהו.

**ובתוספות תענית** (ז.): **וכל העוסק בתורה שלא לשמה נעשית לו סם המות.** וקשה והלא אמרינן (פסחים נ:) לעולם יעסוק אדם בתורה אע"ג שאינה לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. ויש לומר דתרי שלא

שאמרו לעולם יעסוק אפילו שלא לשמה כי] **מתוך שלא לשמה בא לשמה, און ווידעראום וואָס ס׳שטייט נוח לו שלא נברא, מיינט מען** [כשהוא] **לְקַנְטֵר.**

**יא**

**והתוספות בסוטה מחלקין באופן אחר, דכשהוא לאהבת שכר או יראת העונש, יש בזה מעליותא, שהוא לומד על כל פנים על מנת לַעֲשׂות. אבל כשאין הלימוד על מנת לעשות, אז נוח לו שלא נברא**

**אויף איין פלאַץ - אין סוטה**[ז] **- זאָגט ער** [בתוספות] **אַן אַנדער לשון, זאָגט תוספות, דעס וואָס שטייט מתוך שלא לשמה בא לשמה** [הכוונה] **ער ׳לערנט׳** [כדי] **ער זאָל ׳מקיים׳ זיין, און ער איז מקיים די מצות** [במעשה], **נאָר ס׳איז נישט ׳מאהבה ויראה׳,** [נאָר] **ס׳איז על מנת לקבל פרס,** [ועל זה אמרו מתוך שלא לשמה בא לשמה][ח]**.**

**און דעס וואָס שטייט נוח לו שלא נברא,** [מיירי כי] **ער לערנט ׳נישט אויף צו טון׳,** [און] **ער טוט נישט, נאָר בלויז ׳לערנען׳, זאָגט ער** [בכהאי גוונא] **איז ער נאָך מוֹסִיף ׳פֶּשַׁע׳**[ט] [במה שלומד]**, וואָרן ׳פריער׳** [קודם שלמד] **איז ער געווען אַ שוגג** [שהרי לא ידע שזה אסור]**, און אַז ער האָט ׳געלערנט׳ איז ער דאָך שוין אַ מזיד**[י]**.**

**זאָגט תוספות אין סוטה גאָר אַנדערש, ס׳איז אַביסל אַנדערש.**

**יב**

**והתוספות בפסחים הרכיבו ב׳ הענינים ביחד**

**אין פסחים טאַקע דאָ אָט** (דף נו.)**, זאָגט תוספות ביידע לשונות אינאיינעם**[יא] [דכשהוא לְהִתְיַהֵר או לְקַנְטֵר, אינו על מנת לעשות, ואז יש בזה גריעותא ונוח לו שלא נברא]**.**

---

לשמה הוי, דמה שאמרינן לעולם יעסוק בתורה אפילו שלא לשמה, היינו כלומר **כדי שיקרא רבי, או כדי שיכבדוהו**, ומה שאמרינן הכא כל העוסק בתורה שלא לשמה נעשה לו סם המות, היינו מי **שלומד לקנטר.**

**ובתוספות נזיר** (כג:)**: שמתוך שלא לשמה בא לשמה.** ואם תאמר והא אמרינן בעלמא (ברכות יז.) העוסק במצוה שלא לשמה נוח לו שלא נברא. ויש לומר דהתם מיירי שעוסק בתורה שלא לשמה **לקפח אחרים**, והכא קאמר שעוסק בתורה שלא לשמה **להתגדר ולקנות שֵׁם.**

[ז] **בתוספות סוטה** (כב:)**: לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אע״פ שלא לשמה.** ואי קשיא, הא אמרינן בפרק קמא דתענית (ז.) כל העוסק בתורה שלא לשמה נעשית לו סם המות, ובשלהי פרק היה קורא במסכת ברכות (יז.) כל העוסק בתורה שלא לשמה נוח לו שלא נברא. נראה לתרץ, עוסק שלא לשמה [דמותר היינו] **כגון מיראת היסורין** כי הכא, **ומאהבת קיבול פרס**, שאינו מתכוין להשלים רצון יוצרו שציוהו על כך, אלא להנאתו, כדאמרינן בפרק קמא דמסכת עבודה זרה (יט.) במצותיו חפץ מאד ולא בשכר מצותיו, והיינו דתנן (אבות א, ג) אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס, וכי הא דאמר בפרק עגלה ערופה (סוטה מז.) ואיתא בנזיר פרק מי שאמר הריני נזיר (כג:) ובפרק בתרא דהוריות (י:) לעולם יעסוק אדם וכו׳ שבשכר מ״ב קרבנות שהקריב בלק זכה ויצאה ממנו רות, גם הוא נתכוין להנאתו, שהעלה קרבן לשם להשלים חפציו בשכרו, ולא לשם שמים. וכדאמרינן פרק קמא דראש השנה (ד.) האומר סלע זו לצדקה על מנת שיחיה בני הרי זה צדיק גמור. אבל ההיא **שלא לשמה** דתענית ומסכת ברכות, **אינו עוסק בתורה כדי לקיים, לא מאהבה ולא מיראה, אלא להוסיף על חטאתו פשע**, שעתה שגגות נעשו לו זדונות, שאע״פ שידע שעובר לא מנע מכל תאות לבו. כדמפרש התם (ברכות יז.) **תכלית חכמה תשובה ומעשים טובים, שלא יהא אדם קורא ושונה ומשמש תלמידי חכמים ובועט באביו ובאמו וברבו או במי שגדול הימנו**, שנאמר (תהלים קיא, י) ראשית חכמה יראת ה׳ שכל טוב לכל עושיהם, ללומדיהם לא נאמר אלא לעושיהם, לעושים לשמה. - [וע״ע בדברי רבינו לקמן אות יט].

[ח] **ועיין בחידושי תורה תשט״ז** (ליל ש״ק ויחי) **ובויואל משה** (ב, קכג)**, שמבאר רבינו דחילוק גדול יש בין הני תרי** בחינות של הלומד כדי שיכבדוהו, דהוא עבור תועלת מבני אדם, או הלומד עבור חשבון שכר ועונש דהוא מעלה יותר נכבדה מפני שמצפה הגמול מהשי״ת ולא מבני אדם, והוא מחמת אמונה בשכר ועונש, עיי״ש באורך. וע״ע **בדברי יואל חקת** (עמוד צ).

[ט] על פי הפסוק (איוב לד, לז) כִּי יֹסִיף עַל חַטָּאתוֹ פֶשַׁע. וחטא הוא שוגג ופשע הוא מזיד.

[י] ועיין בבא מציעא (לג:).

[יא] **בתוספות פסחים** (נ:)**: וכאן בעושים שלא לשמה וכדרב יהודה.** תימה דרבא גופיה אמר בפ״ב דברכות (יז.) כל העוסק בתורה שלא לשמה נוח לו שלא נברא. ואומר ר״י דהתם מיירי כגון שלומד כדי **להתיהר, ולקנטר ולקפח**

### יג

ובלשון התורת כהנים בפרשתן משמע כדברי התוספות סוטה, דעיקר הקפידא הוא שיהיה הלימוד על מנת לעשות, ולא על מנת שלא לעשות

[נאָר] אַ חידוש פלא איז דאָ אין מדרש, אין **תורת כהנים**, אין **ספרא**, אין די וואָכעדיגע סדרה [פרשת בחקותי], - אַ חידוש, - זאָגט ער דעס לשון וואָס ס׳איז אין **תוספות אין סוטה**.

זאָגט ער דאָרט אין תורת כהנים[יב], **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם**, שטייט אין תורת כהנים, קודם שטייט [אם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ] **שתהיו עמלים בתורה**, [ואח״כ איתא שם] **וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, שילמוד על מנת לעשות**, אויף צו ׳טון׳, **והלומד שלא לעשות נוח לו שלא נברא**, אַזוי שטייט דאָס לשון.

זאָגט ער אַרויס אַז ׳דאָס׳ איז דער חילוק, [אז] מ׳לערנט ׳נישט אויף צו טון׳. דאָס שטימט מיט די ווערטער פון **תוספות** דאָרט **אין סוטה**.

### יד

אבל מ״מ יש להעמיס בכוונת התורת כהנים, גם החילוק שכתבו התוספות בשאר מקומות, דהכוונה במה שאמרו ״שלא לעשות״, היינו כשהוא ״לקנטר״, משום דמי שכוונת לימודו הוא לקנטר אז אינו בא לבסוף לידי עשייה וקיום מה שלומד

קען זיין [לפרש דברי התורת כהנים גם לפי דברי התוספות בשאר המקומות], **אפשר איז עס נכלל אין דעם** [במה שאמר הלומד על מנת שלא לעשות], **ווייל אַז ס׳איז נישט** [הלימוד] **אויף ׳צו טון׳, ממילא ברענגט עס** [שאח״כ ילמוד] **אויף ׳לקנטר׳, ברענגט עס צו דעם, ברענגט עס צו אַזאָלעכע זאַכן.**

### טו

וכן להיפך, מי שכוונת לימודו על מנת לעשות, שהתורה תורהו הדרך הישרה ומדות טובות, אינו בא לידי קינטור

[דהנה] **אַז מ׳לערנט פאַר ׳דעם׳** [על מנת לעשות], **מ׳זאָל זיך לערנען** [לקיים המצות ולעבוד את ה׳], **מ׳זאָל וויסן אַ דרך אמיתי, אַ דרך ה׳ וויאַזוי זיך אויפצופירן**, [דעמאָלטס] **ווייסט מען וויאַזוי מ׳ברויך צו זיין**, [שצריך להיות כל מעשיו מקושרים] **מיט די תורה הקדושה, מיט ״מדות טובות״**, [וממילא] **קומט מען נישט צו ׳דעם׳ חלילה, אויף ׳לקנטר׳.** [אָבער] **אַז נישט, ברענגט עס צו ׳דעם׳**, [לבא לידי קינטור].

### טז

### קושיא ו

בגמרא: אמרו להו רבא לרבנן במטותא מינייכו לא תירתון ״תרתי גיהנם״. ופירש רש״י דהוא על ידי שלומד תורה שלא לשמה, ושחלק הכפול הוא עבור שמתעמל גם בעולם הזה

**איך האָב געזאָגט, כ׳האָב מיך שוין אַמאָל געשטעלט דערויף** (בפתיחה נח תשכ״ג), **כ׳האָב** [דעמאָלטס] **געזאָגט אויף אַן אַנדערע בחינה** (עיין להלן אות יח).

[שדקדקתי על מה דאיתא] **די גמרא זאָגט** (יומא עב:) **אמר להו רבא לרבנן, רבא האָט זיך געבעטן צו די רבנן, בְּמָטוּתָא מִינַיְיכוּ איך בעט ענק, לא תֵּירְתוּן תַּרְתֵּי גֵּיהִנָּם**, [עטס זאָלטס] **נישט יַרְשֶׁ׳נען קיין צוויי גיהנם׳ס.**

---

את חביריו בהלכה, ואינו לומד על מנת לעשות. אבל הכא מיירי דומיא דההיא דלעיל יש שפל ונשכר, דלא עביד כוליה שבתא ולא במעלי שבתא, שאין מתכוון לשום רעה, אלא מתוך עצלות, אפילו הכי גדול עד שמים חסדו.

[יב] **בתורת כהנים** (בחקותי פ״א): **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ**. יכול אלו המצות, כשהוא אומר וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם הרי מצות אמורות, הא מה אני מקיים אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ להיות עמילים בתורה וכו׳. אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם. הלומד לעשות, לא הלומד שלא לעשות, שהלומד שלא לעשות נוח לו שלא נברא.

זאָגט רש"י[יג], [אז] ער לערנט "שלא לשמה", [נמצא כי] אויף 'דער וועלט' פּלאָגט ער זיך ער זאָל לערנען, ער איז נישט נהנה [בעולמו], און אויף 'יענער וועלט' האָט ער הערשט דאָס גיהנם, ווייל ער האָט געלערנט שלא לשמה, [און] ער האָט נישט געהאַלטן [התורה ומצות] אויך נישט.

**יז**

ויש להבין דהתינח לעולם הבא יורש גיהנם, אבל בעולם הזה למה נקרא זה בשם גיהנם, אם לומד וטועם מתיקות התורה

לכאורה - האָב איך מיך געשטעלט, - מילא ער האָט דאָס "גיהנם" [בעולם הבא], ווייל ער איז דאָך שלא לשמה. [דהפירוש הוא] ווייל מ'האָט נישט געהאַלטן [שלא קיים מה שלמד], צי וואָס, [און ס'איז] נוח לו שלא נברא.

אָבער אויף "דער וועלט" אַז מ'לערנט, פאַרוואָס איז דאָס אַ "גיהנם"?

[אז] **מ'זיצט און מ'לערנט, איז דאָך זייער באַ'טַעֲמ'ט! ס'איז זייער גוט פאַר אים! דאָס מְתִיקוּת הַתּוֹרָה!**

יהיה איך שיהיה [איך שנפרש הפירוש בענין שלא לשמה, הרי] **אַז מ'לערנט פאַרוואָס איז אַ גיהנם? וואָס פעלט אים?**

**וואָס פעלט דען דעם, מיט דעם וואָס מ'זיצט און מ'לערנט.**

איבערהויפּט אַז דער אייבירשטער העלפט, מ'איז נאָך 'צוגערישט' [מטעם הישיבה בכל צרכין] און מ'האָט וואָס מ'ברויך, מ'האָט אַ גוטע 'פלאַץ', און - דער אייבירשטער זאָל העלפן - אַז מ'לערנט נאָך, **פאַרוואָס איז דאָס אַ "גיהנם"?** פאַרוואָס רופט עס אָן די גמרא אַ "גיהנם"?

**יח**

**ישוב קושיא ו (באופן א) - מה שאמרתי כבר**

וכבר אמרתי לפרש דיש לומר דלעולם הכוונה רק על עולם הבא, שיורש שם חלק כפול בגיהנם, [דעונש גיהנם למי שלומד ואינו מקיים, גדול יותר מעונש מי שלא למד כלל]

איך האָב אַמאָל געזאָגט (בפתיחה נח תשכ"ג) [לפרש, דהכוונה] תַּרְתֵּי גֵיהִנָּם מיינט מען אויף 'יענעם עולם' [אַליין, יורש חלק כפול בגיהנם][יד], כ'וועל נישט מאריך זיין. כ'האָב שוין געזאָגט, ס'איז אַן אַנדערע בחינה.

**יט**

**הקדמה לישוב קושיא ו (באופן ב) - לדרכינו עתה**

בתוספות סוטה מביאים ראיה על פירושם בענין שלא לשמה הגרוע, דהיינו שלא על מנת לקיים, מדברי הגמרא בברכות שם שאמרו שלא יהא אדם בועט באביו וברבו וכו'

נאָר [לדרכינו עתה] קען זיין אַזוי, פון דעם **תוספות** זעט מען, טאַקע דאָרט אין **סוטה, תוספות** נעמט דאָס צוזאַם[טו], [שעל ענין תורה שלא לשמה, מביאים ראיה מדברי הגמרא]

---

[יג] **ברש"י** (יומא עב:): **תרתי גיהנם**. להיות יגעים ועמלים בתורה בעולם הזה, ולא תקיימוה, ותירשו גיהנם במותכם, ובחייכם לא נהניתם בעולמכם.

[יד] **הפתיחה נח תשכ"ג** נדפס בלשון הקודש בקונטרס דברי פתיחה (שי"ל בשעתו כל הפתיחות של רבינו). **ועיי"ש** שמתרץ רבינו ע"פ מה דאיתא בדברים רבה (ז, ד) דכל מי שלמד דברי תורה ואינו מקיים, עונשו חמור ממי שלא למד כל עיקר. ונמצא שיש לו "עונש כפול" בגיהנם, וזה שאמר רבא במטותא מינייכו לא תירתו תרתי גיהנם.

ועיין עוד מה שמתרץ רבינו כעין זה באופן אחר **בפתיחה לך תשכ"ז** (נדפס באידיש בקונטרס דברות קודש, ובלשון הקודש בדברי יואל לך עמוד רסד), דעל ידי שהוא למדן, גם אחרים לומדים הימנו להתנהג שלא כהוגן, ונמצא גם כן ש"עונשו כפול" לעולם הבא, שיגיע לו חלק שלו וחלק של חבירו בעונש גיהנם לעולם הבא.

[טו] כדהובא דבריהם לעיל בהערה ז, עיי"ש בסוף דבריהם.

תכלית חכמה - די **גמרא** זאָגט אין **ברכות** (יז.)[טז] - [אמר רבא] **תכלית חכמה תשובה ומעשים טובים, שלא יהא אדם קורא ושונה ובועט באביו ואמו וברבו ובמי שגדול הימנו בחכמה ובמנין,** [שנאמר (תהלים קיא, י) רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה' שֵׂכֶל טוֹב] **לְכָל עֹשֵׂיהֶם, 'ללומדיהם' לא נאמר אלא "לעושיהם", לעושים לשמה, וכל הלומד שלא לשמה נוח לו שלא נברא.** - אַזוי שטייט אין די גמרא.

**כ**

ברענגט דאָס **תוספות** צו [בסוטה לראיה על פירושם, דמה שאמרו לעולם יעסוק אפילו שלא לשמה הוא רק בתנאי] אַז מ'לערנט "על מנת לעשות" [אלא שהוא מיראת עונש ומאהבת שכר].

אז נישט, [שאם אינו לומד על מנת לעשות], איז פון 'די' גמרא [דברכות אַ ראיה], **אַז בועט באביו ובאמו וברבו,** דאָס הייסט "שלא לשמה" [הגרוע, דנוח לו שלא נברא].

**כא**

וכבר הארכתי פעם לבאר למה נקטו בגמרא דייקא פרט זה שלא יהא בועט וכו'

איך האָב שוין אַמאָל געשמועסט (בפתיחה מצורע תשכ"ג)[יז], לעולם דער מהרש"א (ברכות שם) פרעגט, פאַרוואָס כאַפּט ער אָן גראָד 'דעס' [דוקא פרט זה שלא יהא בועט במי שגדול הימנו].

**כב**

ובמהרש"א מתרץ זה, דהכוונה שע"י גורם שהבריות מרננים על ה"ח ואומרים ח"ו ארור שזה ילד, ובזה גורם חילול השם

נאָר דאָס קען אפשר זיין [כתירוץ המהרש"א בזה], אַזוי ווי דער **מהרש"א**[יח] (ברכות שם) ברענגט צו דעס וואָס די **גמרא** זאָגט [ביומא][יט] אַז איינער זיצט און לערנט, **ומשאו ומתנו נוח עם הבריות, אומרים עליו אשרי לזה שלמדו תורה, אשרי שזה גדל וזה ילד.** [און] חלילה פאַרקערט, אַז מ'לערנט [ואין משאו ומתנו בנחת עם הבריות], **זאָגט מען חלילה, ארור שזה ילד ושזה גדל,** [און] **ס'איז אַ חילול השם**[כ]. (ועיין עוד בזה לקמן אות סז)

---

[טז] הובא לעיל בהערה ה.

[יז] עיין שם בקושיא ב. ועיי"ש במה שמפלפל רבינו על תירוץ המהרש"א דלהלן, ומסיק שם רבינו תירוץ אחר.

[יח] **במהרש"א שם: קורא ושונה ובועט באביו כו'.** לכאורה קשה אמאי נקט הני. ויש לומר דגם בעושה מעשים רעים אחרים קרי ליה בועט באביו ורבו, כמו שאמרו בפרק יום הכפורים (יומא פו.) אבל מי שקורא ושונה וכו' ואין משאו ומתנו באמונה ואין דבורו בנחת עם הבריות, מה אומרים עליו, אוי לו לאביו ולרבו שלמדוהו תורה, ראו כמה מקולקלים מעשיו כו', עיי"ש.

ומייתי [בגמרא ברכות] **שנאמר ראשית חכמה יראת ה' וגו',** ר"ל בראשית ותחלת למוד החכמה יהיה כונתו לתכלית יראת ה', שֶׁיִוָּדַע ע"י החכמה איך יהיה ירא ה', כמ"ש (אבות ב, ה) אין בור ירא חטא. - (והמשך דברי מהרש"א, ראה לקמן הערה לא).

[יט] **בגמרא יומא** (פו.): תניא, וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ (ואתחנן ו, ה), **שיהא שם שמים מתאהב על ידך,** שיהא קורא ושונה ומשמש תלמידי חכמים ויהא משאו ומתנו בנחת עם הבריות, מה הבריות אומרות עליו, **אשרי אביו שלמדו תורה, אשרי רבו שלמדו תורה,** אוי להם לבריות שלא למדו תורה, **פלוני שלמדו תורה ראו כמה נאים דרכיו, כמה מתוקנים מעשיו,** עליו הכתוב אומר (ישעי' מט, ג) וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר.

אבל מי שקורא ושונה ומשמש תלמידי חכמים ואין משאו ומתנו באמונה, ואין דבורו בנחת עם הבריות, מה הבריות אומרות עליו, אוי לו לפלוני שלמד תורה, אוי לו לאביו שלמדו תורה, אוי לו לרבו שלמדו תורה, פלוני שלמד תורה ראו כמה מקולקלין מעשיו וכמה מכוערין דרכיו, ועליו הכתוב אומר (יחזקאל לו, כ) בֶּאֱמֹר לָהֶם עַם ה' אֵלֶּה וּמֵאַרְצוֹ יָצָאוּ.

[כ] ולפי זה לעולם אין הכוונה על פרט זה דייקא של בועט באביו וברבו וכו', רק הכוונה דבכל מעשים רעים שעושה יהא נמצא כבועט באביו וכו', כי בני אדם יאמרו אוי לו למי שילד וגדל זה. - [ועיין בפתיחה מצורע תשכ"ג, מה שמפלפל רבינו על תירוץ המהרש"א ומתרץ באופן אחר. - ובענין מה שגורמים חילול השם ע"י מדות לא טובות, עיין בפתיחה לאברכים חוה"מ סוכות תשכ"ו (ובדברי יואל לסוכות אות קג)].

KolSatmar.com

### כג
### ישוב קושיא ו (באופן ב)

ולפ"ז י"ל דלעולם "תרתי גיהנם" הכוונה כדרך רש"י דחלק אחד יורש בעולם הזה, אלא שאין הכוונה על שעת הלימוד, רק על מה שעל ידי הלימוד שלא כהוגן בא לידי מדות רעות, ואז סובלין צרות ובזיונות מאנשי העולם שמבקרין מומיו

**נאָר אָבער** [לפי זה יש לומר בענין "תרתי גיהנם" כדרך רש"י, דהכוונה על העמל בעולם הזה והעונש לעולם הבא, כי] **איינער וואָס ער לערנט און פירט זיך אויף מיט 'נישט קיין גוטע מדות', אַזוי ווי ער זאָגט דאָ** [בגמרא ברכות, שבועט] **במי שגדול הימנו, 'אָן דרך ארץ', און 'אָן די מדות טובות'** [של תלמיד חכם, הרי אנשי העולם] **קוקט מען דאָך אַרויס אויף אים** [שיוכלו לבקר מומיו של הת"ח ולדבר עליו להפחית ערכו, מפני שנאת עם הארץ לתלמיד חכם, און] **מ'איז נישט יוצא** [בזה לבד] **אַז מ'זאָגט ארור שזה גדל,** [נאָר] **מ'טיילט טאַקע אויס צרות,** [ועל ידי זה נמצא] **מ'ליידט דאָס "גיהנם" אויף 'דער וועלט'.**

[טאַקע] **נישט ביים לערנען האָט מען דאָס 'גיהנם'** (וכמו שדקדקנו באות יז), **נאָר די וואָס זיי לערנען "שלא לשמה"** [באופן הגרוע, שלא ע"מ לקיים], **ברענגט** [דאָס זיי] **'אַזעלעכע' מדות, אַז מ'האָט נישט קיין מדות טובות,** [און פון] **דעס וואָס ס'ברענגט אַרויס** [לימוד כזה במדותיו, פון דעם] **האָט מען אויף 'דער וועלט קודם דאָס "גיהנם"', קודם טוט מען** [אים] **אָן צרות, זאָגט מען אים אַז דו האָסט "געלערנט" וויאַזוי** [טוסטו כך וכך].

**אויף אַן אַנדערן** [שאינו לומד כלל, האַלט מען אים נישט פאַר], **מ'מעג טון אַלע 'מדות רעות',** [און] **אויף 'אים' פרעגט מען נישט קיין קשיא,** [רק מלמדים עליו זכות ואומרים] **'אַזוי איז אַ מענטש'.**

[אָבער אז] **איינער האָט "געלערנט" און ער פירט זיך 'אַזוי' אויף, אויף דעם זוכט מען דאָך "חטאים", און** [אז] **'ער' פירט זיך אַזוי אויף, איז יענער ברוגז מער. נאָכדעם טיילט מען אויס צרות, און מ'האָט דעם גיהנם אויף 'דער וועלט'.**

**נישט ביים לערנען האָט מען דאָס גיהנם.**

### כד

**ווער שמועסט נאָך אין "סאַקמיר"[כא], אַז איינער וואָס ער איז חלילה אַז מ'האָט נישט קיין מדות טובות, ליידט מען אויף טאָפּלט, תרתי גיהנם טאַקע אויף 'דער וועלט'! זאָגט מען שוין** [בפי הבריות] **"אַזוי זעט מען אויס"?**

**דאָס איז 'שוין' "תרתי גיהנם"** [בעולם הזה, כי מבקרין אותו כאן עוד יותר ממה שמבקרין ת"ח בשאר מקומות].

### כה

ומלבד זה יורש גיהנם לעולם הבא כפשוטו, עבור שהתנהג במדות לא טובות וגרם חילול השם, ע"י שלימודו לא היה כהוגן

[און] **עקסטערדעם אויף 'יענעם עולם' זאָגט מען "דו האָסט מחלל השם געווען"! דו האָסט מחלל השם געווען! דו האָסט "געלערנט"! ביסט געגאַנגען אין "דרכי החסידות"! און דו האָסט נישט קיין "מדות"! דו פירסט דיך נישט אויף ווי אַ**

---

[כא] השם "סאטמאר" בשורשו הוא מלשון הגר (אונגאַרי), ובלשון ראָמעניע קראו אותו "סאַטו-מאַרע", שפירושו כפר גדול (וקראו אותו כן שיהא דומה לשמו האונגארי). וידוע שמרן הק' בעל דברי חיים ז"ל היה נמנע מלהוציא בשפתיו הק' את שמות העיירות מטעם שברובם נקראו אחר שמות ע"ז ומשמשיהן. וכשרצה להזכיר שם עיר נתן בה סימנא דמינכרא, ולפעמים היה משבש את מבטא שם העיר, וכן בעיר "סאנז" שינה וקרא אותו בשם "צאנז", והוא על דרך הכתוב (מטות לב, לח) מוּסַבֹּת שֵׁם, עיי"ש ברש"י. וכן רבינו היה נוהג לשנות שמות של עיירות ממה שקראוהו הגוים, והיה קורא שם "סאטמאר" בלשון "סאקמיר" וכן כתבו במכתבים.

"מענטש"! [נוח] **לבריות ולשמים!** מ'היט זיך נישט אָפּ דאָס מויל מ'זאָל נישט רעדן וואָס מ'טאָר נישט! וכדומה וכדומה.

און אַזוי, מ'דאַרף נישט אויסצורעכענען די מדות [טובות] וואָס מ'דאַרף, וואָס אַ איד ברויך צו האָבן, איבערהויפּט **דער וואָס ער האַלט ביים לערנען** און ער ברויך אויפגעצויגן ווערן [כראוי], די וואָס מ'וואַרט מ'זאָל אַרויסברענגען דורות צווישן אידן. ברויך מען זיך 'משריש' זיין אין "מדות טובות".

אז נישט איז עס טאַקע "תרתי גיהנם". האָט מען צרות אויף 'דער וועלט' און אויף 'יענע וועלט'.

**כו**

הקדמה לישוב קושיא ו (**באופן ג**)

## בלימוד "שלא לשמה" יש מצוה רק כשבא לבסוף גם לידי "לשמה"

(עד אחר אות מט)

אָבער דאָס ענין נאָך קען מען זאָגן [לבאר כוונת ענין תרתי גיהנם]. (עיקר ההמשך באות מד-נא)

**כז**

## ביאור המשנה דארבע מדות בהולכי בית המדרש

(עד אחר אות מג)

במשנה דאבות חושב בין המדות של "הולכי" בית המדרש, גם מי שאינו הולך ואינו עושה, [והעושה ואינו הולך]

[ויבואר בהקדם וואָס] איך 'פלעג' צו טייטשן[כב], [וואָס] די **משנה זאָגט** (אבות ה, יד) אַרְבַּע מִדּוֹת בְּהוֹלְכֵי בֵית הַמִּדְרָשׁ, פיר מדות איז דאָ אין די "הולכי" בית המדרש, די וואָס זיי קומען אין בית המדרש. רעכנט ער אויס אַז:

(א) **אַ הוֹלֵךְ וְעוֹשֶׂה, צַדִּיק.**

(ב) **הוֹלֵךְ וְאֵינוֹ עוֹשֶׂה, שְׂכַר הֲלִיכָה בְּיָדוֹ.**

(ג) **עוֹשֶׂה וְאֵינוֹ הוֹלֵךְ, שְׂכַר עֲשִׂיָּה [בְּיָדוֹ].**

(ד) **אֵינוֹ הוֹלֵךְ וְאֵינוֹ עוֹשֶׂה, רָשָׁע.**

**כח**

**קושיא ז**

ויש להבין למה מונה בין "הולכי" בית המדרש", גם את מי שהוא בכלל "אינו הולך"

לכאורה, ער הייבט דאָך אָן ארבע מדות "בהולכי" בית המדרש, און לאָזט אויס [למנות ביניהם] אָן "אינו הולך ואינו עושה", [וקשה שהרי] 'דער' איז דאָך נישט פון די "הולכי" בית המדרש, וואָס פאַררעכנסטו אים צווישן די מדות [ההולכים], צווישן די "הולכי" בית המדרש, [אז] ער איז נישט קיין 'הולך', ער איז נישט קיין 'עושה', וואָס נעמסטו אים עפּעס אַריין צווישן די וואָס זענען הולכי בית המדרש.

**כט**

**ישוב קושיא ז (באופן א)** - **מה שאמרתי כבר** (עד אחר אות לז)

מצינו לשון הליכה דמתפרש בכמה אופנים

פלעג איך צו טייטשן.

[דהנה] דער אמת, דעם לשון "הולך" געפינט מען אין די פסוקים און דברי חכמינו ז"ל [דמשתמע לכמה אנפין].

---

[כב] בשנים שלפני המלחמה, בשיעורי פרקי אבות שבשבתות הקיץ.

KolSatmar.com

**ס'איז פאַרהאַנען** [לשון] **"הולך"** [דמתפרש] **פשוטו כמשמעו, מען 'גייט'** [ברגליו].

**ווידעראום איז פאַרהאַנען "הולך"** [שאינו כמשמעו ממש, רק שמתנהג באיזה דרך, כגון מה שנאמר] **"וְהָלַכְתָּ" בִּדְרָכָיו** (דברים כח, ט), **צי** [בפרשתן] **אִם בְּחֻקֹּתַי "תֵּלֵכוּ". לכאורה מיינט מען דען מ'זאָל "גיין"** [ממקום למקום? והלא גם] **ווען מ'זיצט** [במקום אחד] **ברויך מען זיך אויך צו פירן** [בדרכיו וחקותיו].

[אבל הכוונה כדרך וואָס] **דער רמב"ן זאָגט**[כג] (שמות עה"כ וַיֵּלֶךְ אִישׁ) **יעדע עצה** [שהאדם שומע לעצת חבירו ומתנהג כן] **ווערט אָנגערופן "הליכה"**, [דהכוונה] **מ'גייט מיט דעם דרך.**

## ל

וכן מצינו לשון "הולך" דמתפרש על התעלות ממדריגה למדריגה, כמבואר בספרים דאדם נקרא "הולך" ומלאך נקרא "עומד"

[וכן יש לפרש עוד בלשון "הולך" על דרך המבואר בספרים, כי] **אַ מענטש איז אַ "הולך"** [ממדריגה למדריגה, און] **נישט קיין "עומד".** [ובזה פירשו הכתוב][כד] **וְנָתַתִּי לְךָ "מַהְלְכִים" בֵּין "הָעֹמְדִים" הָאֵלֶּה** (זכרי' ג, ז), [כי] **אַ מלאך איז אַן "עומד"**, [אָבער] **אַ מענטש איז אַ "הולך", מ'גייט 'ממדריגה למדריגה', מ'שטייט נישט 'אויף איין פלאַץ'.**

**אָדער מ'גייט העכער, מ'ווערט בעסער. טאָמער אַז נישט חלילה, פאַלט מען.**

[אָבער] **קיין "עומד"** [במדריגה אחת] **איז מען נישט. אַ מענטש איז אַ "הולך".**

## לא

כל הארבע מדות שנמנו במשנה מיירי באותן שבאים לבית המדרש, ולכן כולם נמנו בין "הולכי" בית המדרש. אלא שלשון "הולך" או "אינו הולך", מתפרש על ההליכה ממדריגה למדריגה בהתעלות נפשו, ולשון "עושה" היינו שעושה מה שצריך לעשות בבית המדרש ללמוד ולהתפלל, ומוציא מחשבתו הטובה אל הפועל

**דאָס קען זיין מיינט די משנה,** [ארבע מדות יש] **צווישן די "הולכי" בית המדרש,** [ולעולם] **מ'מיינט** [טאַקע] **נאָר די וואָס זיי 'קומען' אין בית המדרש, מ'רעדט נישט פון די וואָס זיי קומען נישט.**

---

[כג] **ברמב"ן** (שמות ב, א) על הפסוק וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי, כתב: רבותינו אמרו **שהלך אחר עצת בתו** וכו' [ולפי זה לא הלך ממקום למקום, ואפילו הכי נקרא בלשון הליכה]. **ורבי אברהם** [אבן עזרא] **אמר, כי בְּעָרִים רבות היו ישראל יושבים, וזאת האשה היתה בעיר אחרת וכו'** [וכוונתו לפרש הכתוב בדרך "פשט" דהכוונה על הליכה ברגליו ממש]. **ועל דעתי,** [דגם בדרך הפשט אין פירושו הליכה ברגליו, אלא גם כשיושב במקומו שייך לשון הליכה, והכוונה] **בעבור שלא חשש לגזרת פרעה ולקח לו אשה להוליד ממנה בנים, אמר הכתוב כן. בעבור כי בכל מִזְדָּרֵז לעשות 'ענין חדש' יאמר כן, 'וַיֵּלֶךְ' רְאוּבֵן וגו'** (וישלח לה, כב), **'וַיֵּלֶךְ' וַיִּקַּח אֶת גֹּמֶר וגו'** (הושע א, ג), **'לְכוּ' וְנִמְכְּרֶנּוּ לַיִּשְׁמְעֵאלִים** (וישב לז, כז), **'לְכוּ' וְנַכֵּהוּ בַלָּשׁוֹן** (ירמי' יח, יח), **'לְכוּ' נָא וְנִוָּכְחָה** (ישעי' א, יח). **וכן זה** [פירושו כי] **'נזדרז' וַיִּקַּח אֶת בַּת לֵוִי.**

[כד] ענין זה מובא בכמה ספרים, שהקב"ה אמר ליהושע בן יהוצדק שיהיה במדרת "הולך" ממדריגה למדריגה, אף כשהוא בין המלאכים הנקראים "עומדים" במדריגה אחת. עיין **מגלה עמוקות** (ואתחנן אופן ג), **תולדות יעקב יוסף** (שמות), **זרע קודש** (בראשית), **ישמח משה** (וירא), **בני יששכר** (חנוכה ב, נ), **חתם סופר על התורה** (הפטרת בהעלותך), **תורת משה לחת"ס** (סוף נשא), **ועוד.**

**ובשל"ה הקדוש** (מסכת תענית, בדרוש הספד): **ועל זה נאמר וְנָתַתִּי לְךָ מַהְלְכִים בֵּין הָעֹמְדִים, הצדיק נקרא "מהלך", שהוא הולך משלימות לשלימות, והמלאכים הם "עֹמְדִים", שהם שכליים מעת היותם.** - [וכ"כ השל"ה בכמה מקומות].

**ובתפארת יהונתן** (ריש פרשתן): **ומצינו ביהושע בן יהוצדק דאמר לו המלאך ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה,** נראה דהמלאכים נקראים "עומדים", דהם עומדים תמיד במדרגתם ואינם באים למדרגה יותר, אבל הצדיקים הולכים במדרגת מעלה מעלה, וזה שאמר המלאך ונתתי לך "מהלכים" בין "העומדים".

**ובצל"ח** (ברכות יז.): כי המלאכים נקראים עומדים כדכתיב (ישעי' ו, ב) שְׂרָפִים עֹמְדִים מִמַּעַל לוֹ, והצדיקים נקראים מהלכים כדכתיב ביהושע בן יהוצדק (זכרי' ג, ז) וְנָתַתִּי לְךָ מַהְלְכִים בֵּין הָעֹמְדִים הָאֵלֶּה, והטעם ידוע כי המלאך נשאר במדריגה אחת לא יוסיף שלימות ולא יגרע, אבל להצדיק בכל יום ויום ע"י מעשים טובים ועסק התורה משיג שלימות יותר ויותר, ומהלך ממדריגה למדריגה כל ימי חייו והכל לפי רוב המעשה.

[ולכן ברישא בלשון ארבע מדות ״בהולכי״ בית המדרש, הכוונה כפשוטו שהם הולכים ברגלם מביתם לבית המדרש, אבל בסיפא בהלשון ״הולך״ או ״אינו הולך״ אין הכוונה על הליכה ברגלים, רק על הליכה ממדריגה למדריגה, והכוונה כדלהלן].

**לב**

ובענין זה יש בחינות שונות של הארבע מדות הללו שחושב במשנה

[דהנה] ס׳איז פאַרהאַנען איינער אַז ער האָט ׳התפעלות׳ [בנפשו בבית המדרש, להשתוקק ולילך ממדריגה למדריגה], ער קומט אין בית המדרש, מ׳לערנט, מ׳דאַווענט, [און] **מ׳באַקומט אַן אַנדער פנים, אַן אַנדערע צורה, אַן אַנדער האַרץ**[כה].

**אָבער ער טוט נישט צו דער זאַך ער זאָל עס ברענגען** [מחשבתו ורצונו הטובה] **מכח אל הפועל**[כו].

**דער איז אַ ״הולך״ ואינו ״עושה״, ער רירט זיך, ער גייט,** [אבל אינו ״עושה״][כז].

**לג**

**ווידער** [איז פאַרהאַנען] **איינער, ער קומט אין בית המדרש, ער לערנט אויך און דאַווענט אויך, און ער ווערט** [אָבער] **נישט ׳בעסער׳** [להתעלות ממדריגה למדריגה, ווייל] **ער האָט נישט קיין ׳התפעלות׳** [בלבו ונפשו], **ס׳איז אָן אַ האַרץ, אָן מדות**[כח].

**דער איז אַן ״עושה״, אָבער ער איז נישט קיין ״הולך״.** [ווייל] **ער ׳גייט׳ נישט** [ממדריגה למדריגה], **ער רירט זיך נישט, ער ווערט נישט בעסער, ער איז נאָר דער זעלבער וואָס ער איז געווען.** [נאָר] **ער איז ׳געקומען׳ אין בית המדרש** [ולכן הוא נחשב עכ״פ בין המדות ״שבהולכי״ בית המדרש].

**לד**

**ווידער איז פאַרהאַנען אַ ״הולך ועושה״, ער ׳גייט׳** [ממדריגה למדריגה בהתפעלות הנפש][כט], **און ׳טוט׳** [צו דער זאַך, להוציא את מחשבתו הטובה מכח אל הפועל להתעמל בתורה, ומתקיים בידו התורה והיראת שמים שקונה בזה].

**מילא ׳דעס׳ איז דאָס בעסטע.**

**לה**

**ווידער איז פאַרהאַנען איינער, ער קומט טאַקע אין בית המדרש, אָבער ער איז נישט קיין ״הולך״ און ער נישט קיין ״עושה״.**

[ווייל] **ס׳מאַכט נישט קיין התפעלות אויף אים, ער ווערט נישט בעסער,** [שלבו אינו מתעורר ליראה את ה׳, ונמצא שאינו ״הולך״ ממדריגה]. **און ער ׳טוט׳ נישט צו דער זאַך אויך נישט, ער לערנט נישט אויך נישט, ער טוט גאָרנישט.**

**דער איז אַ אינו ״הולך״ ואינו ״עושה״.**

---

[כה] והוא חפץ מאוד לעשות מצות ומעשים טובים, ולבא למדריגה נשגבה, אלא שאינו מוציאו אל הפועל (קונטרס דברי פתיחה).

[כו] לצד שאין בו הכח להתגבר על יצרו, ולסלק כל המכשולים והסבות המונעים אותו מעבודת ה׳. (דברי יואל). - והכוונה שאינו עושה מה שצריך לעשות בבית המדרש, דהיינו להתעמל בתורה ולהרבות בתפילה, אף שיש לו נפש מטוהרה ורצון טוב והוא כלי מוכשר להתפעל מקדושת המקום ולהשתוקק לילך ממדריגה למדריגה.

[כז] כי אמנם התעלה במדריגה, כי קדושת בית המדרש עשתה בנפשו רושם לטובה, אך לכלל מעשה לא הגיע. (דברי יואל).

[כח] שלא חל בו שינוי לטובה, לשום על לבו לתקן דרכיו ומדותיו. (דברי יואל).

[כט] שלימוד התוה״ק בבית המדרש עושה בקרבו רושם לטובה, ומלהיב לבו לעבודת ה׳.

KolSatmar.com

**מיינט מען נישט** [בלשון "אינו הולך", שאינו בא מביתו לבית המדרש, נאָר] **ער איז אויך פון די "הולכי" בית המדרש** [ברגליו], **ווייל ס'ווערט דאָך אָנגערופן אַזוי** [ארבע מדות "בהולכי" בית המדרש], **ער 'קומט' אין בית המדרש, נאָר וואָס דען, צום 'תכלית'** [וואָס מ'דאַרף צוקומען] **איז ער "אינו הולך ואינו עושה".**

**ס'איז דאָ אַזוינס אויך.**

**לו**

[והדרך הנכון להיות בכלל "הולך ועושה"].

**אַ איד ברויך צו זיין אַ "הולך", הן אין די מדות, הן אין לערנען, אין דער הבנה, מ'דאַרף 'וואָס אַמאָל' דאַרף מען זיך** [אַלץ מער] **'בעסערן', מ'זאָל פאַרשטיין וואָס מ'לערנט, מ'זאָל 'זיין דערינען'** [שיהיה ראשו שקוע בהלימוד].

**און מ'זאָל נישט אָנברענגען די צייט, מ'זאָל זיין אַן "עושה".**

**אַזוי איז דאָ אין דעם בחינות** [שונות].

**אַזוי איז פאַרהאַנען אַן "עושה", ער טוט** [שאינו מבלה את הזמן לריק], **אָבער ער איז "אינו הולך", ס'איז נישט אויף אַ בחינה** [אז] **ער זאָל זיך עפּעס 'בעסערן'.**

**על כל פנים ברויכן מען צו זיין אַ "הולך ועושה".**

[עד כאן ממה שהייתי רגיל לפרש במשנה דאבות].

**לז**

**נאָכדעם האָב איך געזען** [אז] **דער חתם סופר**[ל] **גייט אויף 'דעם דרך', נאָר מיט אַן 'אַנדערע בחינה'.**

**לח**

**הקדמה לישוב קושיא ז (באופן ב) - לדרכינו עתה**

**במהרש"א ברכות: הלומד לשמה נקרא "לעושיהם", והלומד שלא שלא לשמה נקרא רק "ללומדיהם"**

**אָבער ס'קען זיין** [עוד בביאור דברי המשנה דאבות].

[דהנה] **דער מהרש"א זאָגט**[לא] [על דברי הגמרא ברכות] **"ללומדיהם" לא נאמר אלא "לעושיהם"** (כדהובא לעיל באות יט), **זאָגט דער מהרש"א, אַז מ'לערנט לשמה ווערט עס אָנגערופן "עושיהם", און אַז ס'איז שלא לשמה הייסט עס "לומדיהם", אַזוי זאָגט דער מהרש"א. איבערדעם ברענגט צו די גמרא** (שם) **דעם הלומד תורה שלא לשמה נוח שלא נברא, דאָס גייט אַרויף אויף דעם.**

---

[ל] **בתורת משה** (בפרשתן): אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, פירש"י שתהיו עמלים בתורה על מנת לשמור ולעשות. - אמרו חז"ל ד' מדות בהולכי בהמ"ד וכו'. יש לומר, **הולך ואינו עושה**, שהולך ומעמיק, כמו אִם בְּחֻקֹּתַי "תֵּלֵכוּ" [להיות עמלים בתורה], ואינו "עושה", שאינו מקיים תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם. מ"מ שכר הליכה ועיון בידו. **ועושה ואינו הולך**, ר"ל חוזר אחר לימודו ויודע הדינים, היינו תִּשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת, אבל אינו "הולך" לעיין ולהעמיק, שכר מעשה בידו. **הולך ועושה**, זהו כמצותו. **לא הולך**, היינו הולך הוא מביתו לבהמ"ד אבל אינו הולך לעיין בתורה, וגם אינו עושה לחזור אחר לימודו ואין בידו מאומה, זהו רשע, מבלה זמנו בהבל וריק.

[לא] **במהרש"א** (ברכות יז.): **ודריש לכל עושיהם, ללומדיהם לא** [נאמר] כו'. דהוה משמע ללומד החכמה גם [אם] אין מקיימה, **אלא לעושיהם** דהיינו שמקיימים מה שלמדו בחכמה.

ומה שאמר **לעושים לשמה** כו', לכאורה לא מפיק ליה מקרא, אלא הכא מילתא באנפיה נפשיה קאמר, דהא דקאמר נמי לעושיהם היינו לעושים לשמה כו'. ועוד יש לומר דודאי משמע ליה דעושיהם קאי על לימוד גופיה, וקרי הלימוד עשיה, דהיינו כשהוא לומד "לשמה" דמקיים מצות בוראו ית' ב"ה, אבל בלימוד שלא לשמה לא הוה קרי ליה עשיה, דאין זה קיום מצות בוראו שצוה ללומדה לשמה, ודו"ק.

לט

ויש להבין למה "לשמה" נקרא בשם עשיה

[ועדיין צריך ביאור] **לכאורה פאַרוואָס** [כשלומד לשמה נקרא "לעושיהם"], **דאָ שטייט דאָך נישט "לשמה"** [בלשון הכתוב "לכל עושיהם"].

מ

אמנם י"ל לפי דברי התורת כהנים דהלומד לשמה היינו הלומד "על מנת לעשות", ומבואר ברש"י פרשת בא דמשעה שמקבלים עליו לעשות כבר נקרא בשם "עשיה", ולכן הלומד על מנת לעשות נקרא "לעושיהם"

**נאָר וואָס'זשע דען, לשמה זאָגט דאָך דאָ אָט די גמרא** [לפי פירוש התוספות בסוטה, דהוא רק כשהוא על מנת לעשות], **אַזוי ווי כ'האָב פריער געזאָגט** (באות יג) **ווי דער תורת כהנים זאָגט** [דהיינו הלומד] **על מנת לעשות.** [והתורת כהנים דורש כן מלשון הפסוק "וַעֲשִׂיתֶם" אֹתָם, והרי שקוראו הכתוב בלשון עשייה (דברי יואל)].

[דהנה] **רש"י זאָגט** [בפסוק] **וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** (בא יב, כח), [הנאמר במצרים] **ווען זיי האָבן געהערט די פרשה פונעם קרבן פסח** [בר"ח ניסן], **זאָגט ער** [ברש"י] **וכי בראש חודש עשו, זיי האָבן** [דאָך] **הערשט געקויפט בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ, אלא משעה "שקבלו" עליהם** [לעשות] **הייסט שוין "געטון".**

**איבערדעם אַז מ'לערנט** [תורה] **על מנת לעשות, האָט מען 'שוין' "געטון"** [מיד בשעת הלימוד, ועל כן הלומד לשמה דהוא על מנת לעשות, נקרא "לעושיהם"].

[מה שאין כן] **אַז ס'איז 'נישט על מנת לעשות' האָט מען דאָך 'נישט געטון', הייסט עס נאָר "לומדיהם", דעס איז נישט "לעושיהם".**

מא

ישוב קושיא ז (באופן ב) - לדרכינו עתה

ולפי זה י"ל במשנה דאבות דלשון "עושה", מתפרש על הלומד על מנת לעשות, שהוא מקבל עליו לעשות ולכן כבר נחשב גם בשעת הלימוד כמי שעושה. ולשון "הולך" מתפרש על לימוד התורה, כמו שדרשו אם בחקותי "תלכו" שתהיו עמלים בתורה. ובענין זה יש גם כן ארבע מדות, וכמו שחושב במשנה

**דאָס קאָן מען זאָגן אפשר פשט** [במשנה דאבות], **דאָס קען ליגן אין די בחינה פון "הולך ועושה".**

**ער "גייט",** [היינו] **ער 'לערנט',** [כי עסק התורה נקרא בלשון הליכה, כדכתיב בפרשתן אם בחקתי "תלכו", ומפרש בתורת כהנים וברש"י שתהיו עמלים בתורה (דברי יואל)].

[און] **עקסטערדעם איז מען טאַקע אַן "עושה" אויכעט, ער איז אויף זיך "מקבל"** [על מנת לעשות], **ער איז מקבל ער זאָל "טון" דעס וואָס ס'שטייט** [בהתורה], **ער זאָל זיך פירן אַזוי ווי מ'ברויך,** [וזה נחשב כמי שעושה וכפירש"י בפרשת בא, וממילא] **איז ער ביים "לימוד"** [שוין] **אַן "עושה" אויך.**

מב

[און] **אַמאָל איז איינער פאַרהאַנען, ער איז אַן "עושה"** [היינו שמקבל עליו לעשות דזה נחשב כעושה, ווייל] **ער האָט 'געפיל'** [ורצון טוב להתנהג כהוגן ולקיים דברי התורה], **ער האָט 'געוואָלט זיין'** [כראוי. אָבער] **ער טוט נישט 'צו דער זאַך', ער "לערנט" נישט ווי ס'קער צו זיין, איז ער אַן אינו "הולך", "גייט" ער נישט,** [כי אינו עמל בתורה שזה נקרא "תלכו"].

**אַזוי זענען פאַרהאַנען בחינות** [של הולך ואינו עושה, ושל אינו הולך ואינו עושה. דהלומד שלא על מנת לעשות, נקרא הולך ואינו עושה, ומי שאינו לומד וגם אינו מקבל עליו לשמור ולעשות ולקיים, נקרא אינו הולך ואינו עושה].

### מג
אבל לעולם מיירי המשנה רק באותם שהם באים לבית המדרש,
ולכן מונה אותם בין המדות של "הולכי" בית המדרש (והיינו הליכה כפשוטו)

**על כל פנים איז פאַרהאַנדן, אַלץ זענען די ד' מדות** [רק מאותם שהם הולכים מביתם לבית המדרש]**, אַלעס שמועסט מען נאָר פון די וואָס זיי 'קומען' אין בית המדרש, מ'רעדט נישט פון די וואָס זיי 'קומען גאָרנישט',** [כי באמת] **וואָס האָט מען פון זיי צו רעדן, זיי זענען** [טאַקע] **נישט אין דעם כלל** [לחושבם בין המדות שישנם]**.**

**מ'רעדט פון די וואָס זיי 'קומען',** [כי גם בין הבאים עצמם] **זענען דאָ די אַלע בחינות,** [ולכן שפיר אמרו במשנה ארבע מדות "בהולכי" בית המדרש]**.**

### מד
## על "הכנה והכשר למצוה" יש שכר גם בעולם הזה
(עד אחר אות מט)

מבואר בגמרא דשכר מצוה בהאי עלמא ליכא, ואם כן לכאורה איך נזכה להשפעת
עולם הזה, שהוא דבר הנצרך לצורך עבודת ה' וקיום התורה כמבואר ברמב"ם

**און לאָמיר זען** [לבא לביאור דברי רבא בענין "תרתי גיהנם"]**.**

**דער כלל איז דאָך** (קידושין לט: וחולין קמב.) **שְׂכַר מִצְוָה בְּהַאי עַלְמָא לֵיכָּא, אויף 'דער וועלט' איז נישטאָ קיין שכר, שכר מצוה.**

**וואָס טוט מען אָבער, מ'ברויך דאָך אָבער 'האָבן'** [גם השפעות גשמיות בעולם הזה, שזה נצרך גם לעבודת ה' וקיום התורה המצות]**.**

**ווי דער רמב"ם זאָגט**[לב] [כי באמת פרשת] **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וגו'** [**וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וְנָתְנָה הָאָרֶץ יְבוּלָהּ וגו'**]**, דאָס האָט דער בורא כל עולמים** [געזאָגט]**, - דאָס איז נישט קיין "שכר"** [המצוה, נאָר] **- דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט, אַז עטץ וועטס האַלטן די**

---

[לב] **בפירוש המשניות להרמב"ם** (בפרק חלק. סנהדרין י, א) **וז"ל: אמנם היעודים הטובים והנקמות הרעות הכתובות בתורה עִנְיָנָם הוא מה שאספר לך והוא זה: כי הוא אומר לך אם תעשה המצות האלה אסייע לך על עשייתם והשלמות בהם, וְאָסִיר מֵעָלֶיךָ הַמְעִיקִים והמונעים כולם, לפי שהאדם אי אפשר לעשות לו מִצְוֹת לא כשהוא חולה ורעב או צמא ולא בשעת מלחמה ומצור, ולכן יִעֵד שיסורו כל אלה העניינים וְשֶׁיִּהוּ בְּרִיאִים וּשְׁקֵטִים עד שתשלם להם הידיעה ויזכו לחיי "העולם הבא". הנה כי אין תכלית שכר עשיית התורה באלה הדברים כולם, וכמו כן אם עברו על התורה יהיה עונשם שיארעו להם אותם הרעות כולם עד שלא יוכלו לעשות מצות, וכמו שנאמר** (תבא כח, מז) **תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ. וכשתתבונן בזה התבוננות שלימה תמצא כאילו הוא אומר לך, אם עָשִׂיתָ קצת מצות מאהבה והשתדלות אעזרך לעשותם כולם, ואסיר מעליך המעיקים והמונעים, ואם תעזוב דבר מהם דרך ביזוי אביא לך מונעים יימנעוך מעשותם כולם עד שלא יהיה לך שלמות ולא קיום בעוה"ב, וזהו ענין אמרם ז"ל שכר מצוה מצוה ושכר עבירה עבירה.**

ועיין עוד **ברמב"ם** (תשובה ט, א)**: מאחר שנודע שמתן שכרן של מצות והטובה שנזכה לה אם שמרנו דרך ה' הכתוב בתורה, היא חיי "העולם הבא", שנאמר** (דברים כב, ז) **לְמַעַן יִיטַב לָךְ וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים. והנקמה שנוקמים מן הרשעים שעזבו ארחות הצדק הכתובות בתורה, היא הכרת, שנאמר** (במדבר טו, לא) **הִכָּרֵת תִּכָּרֵת הַנֶּפֶשׁ הַהִיא עֲוֹנָהּ בָהּ.** [אם כן] **מהו זה שכתוב בכל התורה כולה אִם תִּשְׁמְעוּ יגיע לכם כך וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ יִקְרֶה אתכם כך, וכל אותן הדברים "בעולם הזה", כגון שובע ורעב ומלחמה ושלום ומלכות ושפלות וישיבת הארץ וגלות והצלחת מעשה והפסדו, ושאר כל דברי הברית. כל אותן הדברים אמת היו ויהיו, ובזמן שאנו עושים כל מצות התורה יגיעו אלינו טובות העולם הזה כולן, ובזמן שאנו עוברין עליהן תקראנה אותנו הרעות הכתובות, ואף על פי כן אין אותן הטובות הם סוף מתן שכרן של מצות ולא אותן הרעות הם סוף הנקמה שנוקמין מֵעוֹבֵר על כל המצות, אלא כך הוא הכרע כל הדברים; הקב"ה נתן לנו תורה זו עֵץ חַיִּים הִיא, וכל העושה כל הכתוב בה ויודעו דעה גמורה נכונה זוכה בה לחיי העולם הבא, ולפי גודל מעשיו ורוב חכמתו הוא זוכה, והבטיחנו בתורה שאם נעשה אותה בשמחה ובטובת נפש ונהגה בחכמתה תמיד, שיסיר ממנו כל הדברים המונעים אותנו מלעשותה, כגון חולי ומלחמה ורעב וכיוצא בהן, וישפיע לנו כל הטובות המחזיקות את ידינו לעשות התורה, כגון שובע ושלום ורבוי כסף וזהב, כדי שלא נעסוק כל ימינו בדברים שהגוף צריך להן, אלא נשב פנויים ללמוד בחכמה ולעשות המצוה, כדי שנזכה לחיי העולם הבא וכו'.**

תורה וועט מען ענק געבן [די] 'געלעגנהייט' [לקיימה, אַז] מ'וועט האָבן וואָס מ'ברויך, [און] מ'וועט 'קענען' האַלטן די תורה.

[ממילא] פעלט דאָך עס אויס צום "קיום התורה", מ'זאָל האָבן די בחינת [טובת] "עולם הזה". [וכיון שאמרו שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, איך נזכה להשפעת עולם הזה, כדי שנוכל לקיים התורה].

### מה

אמנם מבואר בספרים דעל "הכנה והכשר למצוה", שפיר יש שכר גם בעולם הזה

נאָר וואָס דען, דאָס זאָגן זיי דאָך אַלע, דער מהרש"א פירט אַסאַך מיט דעם[לג], און דער קדושת יום טוב אַסאַך [פלעצער] אַרבעט מיט דעם[לד], [דלעולם] פאַר אַ "מצוה" איז נישטאָ קיין שכר [בהאי עלמא], אָבער פאַר די "הכשר מצוה", די "הכנה" צו די מצוה וואָס מ'גרייט צו, ס'איז נישט דער 'עצם המצוה', אויף דעם איז יאָ דאָ שכר "בעולם הזה".

אַזוי ווי דער ש"ך על התורה זאָגט[לה] [לפרש הפסוק] וְהָיָה עֵקֶב "תִּשְׁמְעוּן", די בלויזע שמיעה, פאַר דער "שמיעה" גיט מען שכר אויף דער וועלט, פאַר די "מצוה" נישט, נאָר [פאַר] דאָס "הערן" וואָס ס'גרייט צו [לקיום המצוה עצמה].

### מו

והנה הלומד שלא לשמה, אין בו מעליותא רק אם בא לבסוף לידי לשמה, וכמו שאמרו הטעם שמתוך שלא לשמה בא לשמה

נו הלומד תורה שלא לשמה, [אין בו מעלה רק עבור כי] מתוך שלא לשמה בא לשמה[לו], [והיינו] אַז דער אייבירשטער העלפט מ'איז זוכה [טאַקע צום] מתוך שלא לשמה בא לשמה.

[אָבער] חלילה אַז מ'בלייבט ביים "שלא לשמה" [ואינו בא לבסוף לידי "לשמה"], איז נישט גוט, טויג נישט[לז].

### מז

ונמצא דהלומד שלא לשמה אינו נקרא שמקיים "עצם המצוה", רק "הכנה להמצוה", שעי"ז יבא לידי לימוד לשמה

נו דער "שלא לשמה", איז דאָך נישט קיין "עצם המצוה", ס'איז נאָר פאַר דעם אַ מצוה ווייל ס'ברענגט צום לשמה. איז דאָך עס [נאָר] אַ "הכנה" צו דער מצוה, דער שלא לשמה. ממילא האָט מען שכר אויף 'דעם עולם', אַז מ'פירט דורך [לבא לבסוף לידי לשמה], מ'גייט צו [ללשמה] מיט דעם שלא לשמה.

---

[לג] עיין במהרש"א (סוטה יד.) שכתב קרוב לענין דידן, כי על המצות שאין האדם חייב בהם והוא מחזר אחריהם ומביא עצמו לידי חיוב, על זה שפיר יש לבקש שכר בעוה"ז. - ועיין בייטב לב (חיי שרה, אות ו ד"ה ועפ"ז יבואר המדרש) שהבין כן בדברי מהרש"א הנ"ל, דבהכנה למצוה יש שכר גם בעולם הזה.

[לד] עיין קדושת יו"ט פרשת בראשית, ויצא (בפסוק ויפגע) תשא (בפסוק ואתה דבר) שמיני (בפסוק ויאמר אל אהרן) נשא (בפסוק קח מאתם) וריש פרשת בלק, ואתחנן (ד"ה במדרש בשעה). - [ועיין ס"ג אחרי תשי"ט (לשון קדשו אות כט) שרבינו מביא דברי הקדושת יו"ט בפרשת בראשית, ואומר עליו: אַזוי ווי ער גייט מיט "זיין דרך"].

[לה] בשפתי כהן על התורה (ריש פרשת עקב): וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן. יאמר, אם יש לך שכר בעולם הזה, הוא על השמיעה לבד, כמו שכתבנו על פסוק (וירא כב, טז) כִּי יַעַן אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת הַדָּבָר הַזֶּה, שאמר לו הקב"ה על העשיה אין לה לא ערך ולא שכר, כי שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, כִּי בָרֵךְ אֲבָרֶכְךָ וְהַרְבָּה אַרְבֶּה אֶת זַרְעֲךָ וגו' עֵקֶב אֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ בְּקֹלִי, כלומר אם יש לך שכר בעולם הזה הוא על שדשת בעקבך ושמעת בקולי וכו'. כן אמר כאן, אם יש לכם בזה העולם שום שכר על עשיית המצות, הוא על שדשת בעקביך ועל השמיעה, אבל על השמירה ועל העשיה אין שכר בעולם הזה, אלא יהא שמור לך לעולם הבא מקום שאין היד מגעת שם, זהו וְשָׁמַר ה' וגו'.

[לו] וכמו שאמרו הטעם, לעולם יעסוק אדם בתורה שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה.

[לז] ועיין בדברי יואל (תזריע עמוד שלא, חקת עד, תבא קנג).

**מח**

ובאמת שייך ענין זה תמיד, כי צריך להתחיל בכל עת עם שלא לשמה, כדי לזכות שבאמצע הלימוד יהא לו כוונה לשמה, וכמו שפירשו בהלשון "לעולם" יעסוק שלא לשמה וכו'

**דער אמת איז דאָך, אין דעם "מתוך" שלא לשמה בא לשמה, שטייט "לעולם"** [יעסוק אדם אפילו שלא לשמה, ועל זה הקשו דאם לבסוף בא לידי לשמה, אם כן איך שייך לומר כי "לעולם" יעסוק שלא לשמה, אמנם יש לומר דהכוונה] **דאָס קאָן זיין יעדעס מאָל** [כשמתחיל ללמוד], **מ'הייבט אָן** [מיט] **שלא לשמה און "אינמיטן"** [באמצע עסק התורה] **העלפט דער אייבירשטער אַז ווען מ'לערנט שוין באַקומט מען אַ התעוררות** [לכוון לשמים].

**אַזוי ווי דער רמב"ם זאָגט**[לח] **ביי גֵט מְעוּשֶׂה, דאָס נפש** [של אדם מישראל נוטה לטוב ולקיום המצוה].

[ווען] **ער טוט שוין די מצוה, האָט ער שוין** [אינמיטן] **אַ כוונה לשמים.**

[און] **דעם אַנדערן טאָג הייבט ער** [אָבער] **ווידער אָן** [מיט] **'שלא לשמה'**, [ולכן אמרו "לעולם"], **פונדעסטוועגן "אינדערמיט" קומט ער צו** [לידי 'לשמה', ולזה אמרו "מתוך" שלא לשמה בא לשמה][לט].

**מט**

ונמצא דע"י הלימוד שלא לשמה שמביאו אח"כ לידי לשמה, מזה שפיר מגיע לו שכר והשפעת עולם זה, כי הוא נחשב בגדר "הכנה למצוה"

**על כל פנים אויף דער "הכנה"** [למצוה, של לימוד שלא לשמה] **וואָס ס'האָט אים געברענגט צום לשמה, פאַר דעם גיט מען שוין שכר אויף "דעם עולם"**[מ].

---

[לח] **ברמב"ם** (גירושין ב, כ): מי שהדין נותן שכופין אותו לגרש את אשתו, ולא רצה לגרש, בית דין של ישראל בכל מקום ובכל זמן מכין אותו עד שיאמר רוצה אני וכו'. ולמה לא בטל גט זה, שהרי הוא אנוס וכו'. שאין אומרין אנוס אלא למי שנלחץ ונדחק לעשות דבר שאינו מחוייב מן התורה לעשותו, כגון מי שהוכה עד שמכר או נתן, **אבל מי שתקפו יצרו הרע לבטל מצוה או לעשות עבירה, והוכה עד שעשה דבר שחייב לעשותו או עד שנתרחק מדבר שאסור לעשותו, אין זה אנוס ממנו, אלא הוא אנס עצמו בדעתו הרעה. לפיכך זה שאינו רוצה לגרש, מאחר שהוא רוצה להיות מישראל, רוצה הוא לעשות כל המצות ולהתרחק מן העבירות, ויצרו הוא שתקפו, וכיון שהוכה עד שתשש יצרו ואמר רוצה אני, כבר גרש לרצונו.**

**ובישמח משה** (ריש פרשת במדבר, ד"ה והנ"ל): דהנה לכאורה קשה על אמרם (שבת פח.) כפה עליהם [ההר כגיגית] וכו', הא קיימא לן אונסא כמאן דלא עביד. אך ידוע דבקרבן כתיב (ויקרא א, ג) יקריב אותו לרצונו, ואמרו רז"ל (ערוכין כא.) יקריב אותו, יכול בעל כרחו, הא כיצד כופין אותו עד שיאמר רוצה אני. וידוע מה שכתב הרמב"ם על זה בטעם הדבר, דאחר שמסירין המונע, עושה הטבע את שלו, הכי נמי **טבע הישראל לשמוע למצות קונו, אילולי המונע הוא השאור שבעיסה**, עד כאן דבריו בשינוי הלשון.

וכ"כ בפרשת פנחס (ד"ה ועכשיו נחתור): ידוע מ"ש הרמב"ם ז"ל בזה דכופין אותו עד שיאמר רוצה אני, ותורף דבריו דאחר שמסירין המונע, בודאי מסכים מרצונו כנ"ל, ככל טבעי שבהוסר המונע הטבע עושה את שלו, הכי נמי כי טבע האיש הישראלי לשמוע למצות קונו אלולי המונע השאור שבעיסה. - [ובפרשת ויקרא (ד"ה מה שנאמר בתורה) ביאר הייש"מ דזהו הטעם דגבי ישראל מצטרף מחשבה טובה למעשה, ומחשבה רעה אינה מצטרף, ובאומות הוא להיפך, כדאיתא בתוספות קדושין (לט: ד"ה מחשבה)].

**ובייטב לב בפרשתן כתב:** נראה לי, כי הנה שמעתי מפי מוזלה"ה (הישמח משה) לפרש החילוק שבין ישראל לאומות העולם, על פי דברי הרמב"ם סוף פרק ב' מהלכות גירושין אהא דכופין אותו עד שיאמר רוצה אני (יבמות קו.), ובזה **אמר מוזלה"ה** ליישב קושית האומות העולם שאמרו (עבודה זרה ב:) כלום כפית עלינו את ההר כגיגית, דבישראל מהני כפיה, כיון שהם משורש טוב חלק אלקי ממעל, ובהסיר המונע הוא רוצה באמת. מה שאין כן באומות העולם לא מהני כפיה, דשורשם הוא היפך הטוב, רק שהוא מוכרח מכח הכפיה, וההכרח לא ישובח.

[לט] עיין זה **דברי יואל ויחי** (עמוד תקלז, ד"ה ואפשר), **ובס"ג ראה תשכ"ז** (דברות קודש עמוד רמב-רמג) **ובדברי יואל ראה** (תנינא עמוד שפז). וע"ע בזה **בדברי יואל** בפרשתן (עמוד שסד) בשם **הייטב לב** פרשת צו מה שהביא עובדא מהישמח משה בענין זה.

[מ] ובזה מובן היטב מה שמפורש בגמרא (שבת סג.) דמאי דכתיב בשמאלה עושר וכבוד, היינו למשמאילים בה, ופירש"י דהיינו העוסקין שלא לשמה. (מתוך הדברי יואל).

נ

אמנם אם לא זכה באמצע לידי לשמה, אז נמצא שהלימוד שלא לשמה
לא נחשב כהכנה למצוה, וע"כ אין לו מהיכן לזכות להשפעת עולם הזה

חלילה אָבער אַז מ'קומט גאָרנישט צו צום לשמה, האָט דאָך דער שלא לשמה גאָרנישט געברענגט. אַז ס'האָט גאָרנישט געברענגט, האָט מען דאָך נישט קיין שכר בעולם הזה. און אַז מ'האָט נישט פון וואָס צו האָבן שכר בעולם הזה, איז עס טאַקע אַ "גיהנם" אויף 'דער וועלט', [כי אין נשפע לו השפעת עולם הזה].

וואָרן וויאַזוי דען 'קומט מען אויס' [בעולם הזה, נאָר] אַז מ'האָט עפּעס אַ השפעה, אַז דער אייבירשטער העלפט [שיש לון] "שפע". [אָבער] טאָמער האָט מען נישט וואָס מ'ברויך, איז דאָך עס אַ [בחינת גיהנם בעולם הזה].

נא

ישוב קושיא ו (באופן ג)

ולכן בהלימוד שלא לשמה הגרוע, שזה אינו מביא לידי לשמה, יש בו ירושת "תרתי גיהנם", כי בעולם הזה אין מגיע לו
השפעת טובת עולם הזה ע"י לימוד שלא לשמה כזה, וגם לעולם הבא יורש גיהנם על שלא בא לבסוף לידי לשמה

דאָס קען זיין האָט ער געמיינט "תרתי גיהנם", **בְּמָטוּתָא מִינַיְיכוּ לֹא תֵירְתוּן תַּרְתֵּי גֵּיהִנֹּם**. [כי ע"י הלימוד שלא לשמה נמצא] דו וועסט האָבן צוויי גיהנם'ס.

אז דו וועסט לערנען עפּעס אַזאַ "שלא לשמה" [שאינו מביא לידי לשמה[מא]], וועסטו גאָרנישט האָבן דערפון. [ווייל] דו וועסט נישט האָבן קיין "שפע" אויף 'דער וועלט' אויך נישט, וועט זיין דאָס "גיהנם" אויף 'דער וועלט' חלילה פאַר דעם.

און עקסטערדעם אויף 'יענעם עולם' [תקבלו עונש גיהנם] פאַרוואָס מ'איז נישט צוגעקומען [לידי לשמה][מב].

נב

# ישוב הקושיות במסכת פסחים

ישוב קושיא ד - ביאור הספק דשמא הכהן מברך שהחיינו

איז רעכט [בביאור הגמרא דסוף פסחים]. יעצט וועל מיר צוקומען דאָ צו דער שאלה [דבעו מיניה דרבי שמלאי, אם הכהן יברך שֶׁהֶחֱיָינוּ בפדיון הבן].

ברכת שהחיינו וכו' "לזמן הזה", משמעותו על הנאת "עולם הזה"

[דהנה] מ'זאָגט ביי אַ שהחיינו, **שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ "לַזְּמַן הַזֶּה"**, [דמשמעו] אויף 'דעם עולם'.

נג

וסברת השואל הוא כי "לאבי הבן" שמקיים, מגיע שכרו לעולם הבא,
אבל "הכהן" שהוא רק מסייע ועושה הכשר להמצוה, מגיע לו שכרו בעולם הזה

איבערדעם דער שואל האָט גערעכנט אַזוי:

דער כהן, דער איז דאָך אויך "מסייע" צו די מצוה, ער ברענגט יענעם צו די מצוה, אָבער ער טוט דאָך נישט אַליינס. נו, און יענער [אבי הבן] טוט טאַקע דעם "עצם המצוה", [אבער] פאַר די עצם המצוה איז דאָך נישטאָ קיין שכר אויף 'דעם

---

[מא] והיינו בלומד שלא על מנת שלא לעשות, לפי דברי התוספות בסוטה, והתורת כהנים בפרשתן.

[מב] ולדרך זה גם כן מתפרש ענין "תרתי גיהנם" כדרך רש"י, דהכוונה על העמל בעולם הזה ועל העונש בעולם הבא (וכמו באופן הב' לעיל אות כג. ולא כאופן הא' שפירש רבינו מכבר, דלעולם הבא עצמו עונשו כפול. ובזה יובן המשך כוונת דברי רבינו לעיל באות יח).

עולם׳. און דעס [ההכשר והכנה] וואָס ער ׳ברענגט׳ צו די מצוה, איז דאָך יאָ דאָ שכר אויף ׳דעם עולם׳ (וכדלעיל אות מד-מה).

**נד**

וזה שאמרו בגמרא דמטי הנאה ׳לידיה׳, היינו כי שכר המצוה מגיע לידו בהנאת עולם הזה

דאָס מיינט ער [בלשון הגמרא] **מטיא הנאה לידיה**, דער "כהן" דער טוט דאָך נישט אַליין די מצוה [רק ההכשר למצוה, ולכן] ער האָט ׳שוין׳ שכר אויף ׳דעם עולם׳, איז **מטיא הנאה ׳לידיה׳**. (ראה גם אות נז)

**נה**

ולכן חשב השואל דהכהן יברך שהחיינו, על הנאת עולם הזה שמגיע לו בשכר הכשר המצוה, דהוא כדוגמת המברך על בית חדש וכלים חדשים, דגם על ידו הקב"ה מחדש ליתן שכר עולם הזה לפי הזמן ולפי הצורך

דעס [שכר עולם הזה] איז שוין אַזוי ווי בנה בית ׳חדש׳ וכלים ׳חדשים׳ [דמברך שהחיינו] (ברכות נד.), [וכן הכא] **דער בורא כל עולמים איז עוֹשֶׂה ׳חֲדָשׁוֹת׳** (ברכת יוצר אור), **צו** דער שכר מצוה [שבעולם הזה] איז דער בורא כל עולמים "מְחַדֵּשׁ" [צו געבן פאַר] יעדער איד וואָס ער ברויך ׳לפי הזמן ולפי הצורך׳.

אויף דעם מעג מען שוין מאַכן אַ "שהחיינו" [וכו׳ לזמן "הזה", דמשמעו על טובת עולם הזה. ולכן היה סובר השואל דשמא הכהן יברך שהחיינו, דבשכר של ההכשר למצוה שהוא עושה, מְחַדֵּשׁ לו הקב"ה השפעת שכר עולם הזה, משא"כ שכר עצם המצוה של אבי הבן, זה גנוז לעולם הבא].

**נו**

ואף שעל ריוח ממון בעלמא אין מברכין שהחיינו, אבל על "שפע" טובת עוה"ז שנשפע בשכר מצות הכהן, שפיר יכולין לברך

[ובזה מיושב קושייתינו, כי באמת] פשוט פאַר די "געלט" וואָס מ׳באַקומט [מיד אבי הבן החמשה סלעים], קאָן מען נישט מאַכן קיין שהחיינו. נאָר פאַר די "שפע" וואָס דער בורא כל עולמים גיט דורך דעם, פאַר דער "שפע", פאַר דעם, אויף דעם מעג מען שוין מאַכן "שהחיינו", [שיש בו התחדשות השפע, וכדרך שמברכין על בית חדש וכלים חדשים].

**נז**

איבערדעם מיינט ער נישט [בלשון הגמרא] **דְקָא מַטְיָא הֲנָאָה לִידֵיהּ** ווייל ער באַקומט די פאָר [מטבעות], ווייל ער באַקומט דעס "געלט". [נאָר ער מיינט], דעם כהן׳ס מצוה איז אַזאַ מצוה וואָס ס׳ברענגט "שפע" אויף ׳דער וועלט׳, [על כן היה הסברא] **זאָל ׳ער׳ מאַכן ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן "הזה", טאַקע בעולם "הזה", ׳שוין׳ טאַקע מ׳זאָל האָבן דעם שכר.** דאָס איז געווען דער ספק אַז דער כהן זאָל עס מאַכן [לשהחיינו].

**נח**

**ביאור סברת המסקנא דאבי הבן מברך שתי הברכות**

[אָבער] ווען ער איז געקומען [אתי ושאיל] אין בית המדרש, האָט מען אים פושט געווען אַז ס׳איז נישט אַזוי.

**נט**

ברמב"ם מבואר עוד חילוק בענין שכר מצוה, דרק במצוה שעושין רק "לשמים" ליכא שכר מצוה בהאי עלמא, אבל במצוה שיש בה גם הנאה לבריות בעולם הזה, מגיע לו שכרו גם בעולם הזה

[דהנה] דער **רמב"ם** זאָגט[מג] [לבאר מה שמבואר במשנת אלו דברים] די זאַכן וואָס ס׳איז אוכל פירותיהן בעולם הזה והקרן קיימת לעולם הבא, [דהטעם בזה כי] אַ מצוה וואָס

---

[מג] **בפירוש המשניות להרמב"ם** (פאה א, א)**: וענין מה שאמר אוכל פירותיהן [בעולם הזה] והקרן קיימת לו [לעולם הבא], מה שאומר לך כי המצות כולן נחלקין בתחלה על שני חלקים. החלק האחד במצות המיוחדות**

KolSatmar.com

מ'טוט נאָר "לשמים", האָט מען נישט קיין שכר אויף 'דעם עולם' [רק לעולם הבא, מה שאין כן] אַ מצוה וואָס ס'איז אָבער אַז מ'איז נהנה [מזה גם אחרים], **מ'איז מְהַנֶּה את הבריות, טוט מען דאָך אַ טובה פאַר "מענטשן", פאַר 'דעם' גיט מען שכר אויף 'דעם עולם'.**

**פאַר דעם וואָס ער האָט געטון "לשמים", איז** [שכרו] **אויף 'יענעם עולם'. און פאַר "דעם"** [כשעשה מצוה שהוא גם טובה שמהנה את הבריות] **גיט מען אויף 'דעם עולם'.**

ס

ולכן אף שהאבי הבן מקיים "עצם המצוה", מ"מ כיון שיש בזה גם הנאה וטובה להכהן במצוה זו, לכן גם על המצוה של אבי הבן מגיע לו שכר בעולם הזה, ולכן שפיר יכול הוא לברך שהחיינו וכו' "לזמן הזה"

[ולכן כשבא השאלה בבית המדרש] **זאָגט מען אָבער ניין** [שלא הכהן יברך שהחיינו רק אבי הבן].

[והטעם כי] **דער 'בעל הבית'** [=אבי הבן] **איז טאַקע** [מקיים] **"עצם המצוה"** [ולא הכנת המצוה], **אָבער די מצוה איז דאָך געבינדן** [עם הנאה וטובה לאחרים, שהרי] **ער איז דאָך מְהַנֶּה דעם "כהן", האָט 'ער' אויך** [אבי הבן] **שכר אויף 'דעם עולם'** [אף על עצם המצוה שמקיים, ולכן] **קען 'ער' אויך מאַכן שהחיינו וקימנו לזמן "הזה".**

**איבערדעם איז געווען והלכתא, די הלכה בלייבט, דער אבי הבן זאָגט שתים,** [ווייל] **'ער' קאָן אויך זאָגן ברוך שהחיינו וקימנו לזמן "הזה",** [ווייל] **אים קומט אויך שכר אויף 'דעם עולם', אויף דעם טאַקע, פאַר דער "מצוה". כאָטשיג ער טוט דעם "עצם המצוה" און שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, אָבער פאַר דעם חלק וואָס ער גיט דעם כהן, האָט 'ער' אויך שכר בעולם הזה.**

סא

ישוב קושיא ה - שילוב סוף המסכת לתחלתה

שהמסכת מתחיל: אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר

[ולפי האמור] **קען זיין עפּעס אַ שטיקל התקשרות** [מסוף המסכת לתחילתה, דאיתא במשנה ריש פסחים] **אור לארבעה עשר בודקין** [את החמץ לאור הנר].

סב

מכל האמור נשמע דלפעמים יש חשיבות גם ללימוד שלא לשמה,

אבל לפעמים יש בו גריעותא דיורש עי"ז תרתי גיהנם ונעשית לו סם המות

[דהנה] **פון דאַנעט** [ממה שאמרו שיעסוק אדם אפילו שלא לשמה וכו'] **איז דאָך גערדינגען אַז ס'האָט אַ חשיבות** [אפילו] **תורה "שלא לשמה", ווייל ס'ברענגט צום "לשמה".**

---

לאדם בנפשו, במה שיש בינו ובין הקב"ה, כגון ציצית ותפילין ושבת ועבודה זרה. **והחלק השני** במצות התלויות בתועלת בני אדם קצתם עם קצתם, כגון אזהרה על הגניבה והאונאה והאיבה והנטירה, וכגון הצווי באהבת איש את חבירו, ושלא יסית אדם להזיק לחבירו, ואל יעמוד על דם רעהו, וכבוד אבות והחכמים שהם אבות הכל. וכשיעשה האדם המצות המיוחדות לנפשו, מה שיש בינו ובין בוראו, תחשב לו לצדקה ויגמלהו הקב"ה עליה לעולם הבא, כמו שנבאר בפרק חלק (סנהדרין פ"י מ"א), וכשיעשה האדם המצות התלויות בתועלת בני אדם זה עם זה, כמו כן תֵּחָשֵׁב לו לצדקה לעולם הבא, לפי שעשה הַמִּצְוֹת, וימצא טובה "בעולם הזה" בעבור שנהג מנהג הטוב בין בני אדם, כי כשינהג מנהג הזה וינהגו אחרים כמנהגו, יקבל כמו כן שכר מהעניין ההוא, וכל המצות שבין אדם לחבירו נכנסות **בגמילות חסדים** [שחושב שם במשנה], ושים לבך עליהם כי כן תמצאם, שהרי הלל הזקן (שבת לא.) כשאמר לו הנכרי למדני תורה על רגל אחד, אמר לו דַּעֲלָךְ סְנֵי לְחַבְרָךְ לֹא תַּעֲבִיד. וכשתחקור על העניין הזה תמצא תלמוד תורה שקול כנגד הכל [כמבואר שם במשנה], כי בתלמוד תורה יזכה האדם לכל זה, כמו שביארנו בתחלת דברינו שהתלמוד מביא לידי מעשה.

**אָבער מ׳דאַרף זייער געוואָרנט זיין ס׳זאָל ברענגען לשמה,** [וואָרן] **טאָמער חלילה בלייבט מען ביי ׳דעם׳** [אצל שלא לשמה, ואינו בא לבסוף לידי לשמה]**, איז חס ושלום דער היפוך, איז ״תרתי גיהנם״** (וכדלעיל אות נא).

**סג**

והנה התורה נקרא ״אור״, ואם כן יוקשה איך אפשר שיהיה בלימוד התורה בחינת סם המות שהוא חושך ולא אור

[והנה דרשו בפסוק] (אסתר ח, טז) **לַיְּהוּדִים הָיְתָה ״אוֹרָה״, זו ״תּוֹרָה״** (מגילה טז:).

[וכן אמר הכתוב (משלי ו, כג) כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה ״אוֹר״ (דברי יואל)].

[ואם כן לכאורה קשה] **ווי קען זיין אַז חלילה ס׳זאָל זיין** [תורתו נעשית] **חלילה סם המות, ווי די גמרא זאָגט** (תענית ז.) **הלומד תורה שלא לשמה** [תורתו נעשית לו סם המות]**, ווי איז דאָס פאַרהאַנדן** [אצל ״התורה״] **אַז ס׳איז ״אורה״** [שיהיה בה צד שהוא חושך ולא אור].

**סד**

אמנם בריש המסכת מבואר דגם לשון ״אור״ מתפרש לתרין אנפין, ולפעמים גם חושך הלילה מכונה בשם ״אור״

[אמנם בהמשנה] **״אור״ לארבעה עשר, זעט מען מיינט מען** [לשון ״אור״] **׳ביי די נאַכט׳** [שאז הוא זמן בדיקת החמץ].

**פרעגט די גמרא** [על לשון] **״אור״** [מאי אור, ושקיל וטרי טובא בגמרא אי לשון ״אור״ שבמשנה ובברייתא הכוונה ללילה או ליום, והיוצא מזה כי] **ס׳איז פאַרהאַנדן אור נגהי** [שהלילה קורין ״נגהי״ בלשון סגי נהור, וכן בלשון המשנה ובברייתא ״אור״ ליום פלוני, הכוונה ללילה] **און אור יממא** [דבשאר מקומות פירוש ״אור״ הוא לשון אורה וליכטיגקייט, ולכן שקיל וטרי בגמרא בכמה ברייתות לפרש לשון ״אור״ על יום, וכפשטות לשון הכתוב ויקרא אלקים לאור יום].

[ומזה רואין שלשון ״אור״ מתפרש על שני אופנים]**, ס׳איז פאַרהאַנען אַ זאַך וואָס הייסט ״אור״ ווען ס׳איז טאָג, ס׳איז לעכטיג, און ס׳איז פאַרהאַנדן אַן ״אור״ וואָס ס׳איז פינסטער, ס׳איז נאַכט, אַז דער ״אור״** [שבזמן הלילה] **מוז האָבן הערשט אור ״הנר״ יפה לבדיקה ביי דערנאַכט**[סד].

[וכמו שרמוז בלשון המשנה: ״אור״ לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור ״הנר״].

**זעט מען דאָך אַז ס׳איז פאַרהאַנען צוויי ערליי** [בחינות בלשון ״אור״].

**סה**

ובזה א״ש שילוב המסכת, דבסופה מיירי ממעלת הכנה למצוה שמחמת זה היה סברא שהכהן יברך שחיינו עבור שהוא עושה ״הכשר המצוה״ שמביא שכר עולם הזה, ומזה נשמע גם מעלת לימוד שלא לשמה שיש בזה משום הכנה והכשר מצוה להלימוד לשמה, ולזה בא בריש המסכת להודיע כי אמנם יש ב׳ בחינות בלשון ״אור״, א׳ של אור וא׳ של חושך, וצריך לבדוק עצמו בחורין ובסדקין להזהר מבחינת החושך שבתורה אור, שהוא הלימוד שלא לשמה באופן הגרוע

[ולכן] **אַז ער שמועסט דאָך דאָ אָט** [בסוף המסכת] **פון דעם, פון די ״הכנות״ פון די מצות,** [שהכהן עושה הכנה והכשר לקיום המצוה של אבי הבן, ושלכן היה סברא שהוא יברך שהחיינו, וממילא] **קומט מען דאָך אויס** [גם] **צו** [מעלת] **תורה ״שלא לשמה״** [יען שהוא ״הכנה״ לבא לידי לשמה].

---

[סד] דבפסחים דף ד. מקשה הגמרא למה באמת צריכין לבדוק בלילה, ונבדוק מצפרא, שהרי איסור חמץ הוא רק ביום משש שעות ולמעלה, ומתרץ רב נחמן בר יצחק דהטעם כי תקנו לבדוק **בשעה שבני אדם מצויין בבתיהם ואור הנר יפה לבדיקה**. - ופירש״י, דאור הנר יפה לבדיקה בלילה, אבל ביום מחשיך. ואם תאמר יבדוק לאור היום, הא ילפינן לקמן (ז:) מחיפוש שמצותו בנר.

**זאָגט מען דו זאָלסט וויסן, דאָרט** [בענין שלא לשמה] **איז דאָ צוויי ערליי,** [כמו שכתבו התוספות דיש תרתי גווני שלא לשמה, והמעלה של שלא לשמה הוא רק כשלומד עכ"פ על מנת לעשות וכשבא עכ"פ באמצע הלימוד גם לידי לשמה, אבל אותה בחינה שלא לשמה שאינו מביא לידי לשמה ולידי עשייה וקיום המצות, זה באמת אינו טוב].

[ואם תאמר] **איי ס'שטייט לַיְּהוּדִים הָיְתָה "אוֹרָה" זו "תורה",** [ואיך שייך ענין חושך בנר מצוה ותורה "אור", לזה אמר הלא מצינו כיוצא בזה בתחלת המסכת] **"אור" לארבעה עשר, ס'איז פאַרהאַנדן** [בלשון "אור" גם בחינת לילה וחושך שנקרא כן], **זעט מען דאָך** [בלשון] **"אור" איז פאַרהאַנדן אור נגהי און אור יממא.**

[וכן אצל "אורה" זו תורה", יש בה בחינה המאיר, והוא ללומדים לשמה, וכן אף להלומדים שלא לשמה כשהוא באופן ההגון. אבל להלומד שלא לשמה באופן הגרוע, הרי תורתו נעשית לו סם המות ונוח לו שלא נברא, ונמצא שיש בה גם צד החושך שנקרא גם כן בלשון "אורה" (בדרך לשון סגי נהור). וצריכין לבדוק עצמו בחורין ובסדקין (כדרך שבודקין את החמץ)[מה] שיהיה הלימוד שלא לשמה רק באופן ההגון לבא לידי לשמה, שעי"ז יהא נחשב הלימוד עכ"פ "כהכשר" מצוה, וכרמוז בסיום המסכת].

**סו**

**תמצית היוצא לענינינו**

**דאָס איז דער תוכן דערפון:**

**דאַרף מען האָבן גרויס התבוננות, אַז דער אייבירשטער העלפט** [שמתכנסים] **אַ קיבוץ** [אידן], **מ'קומט זיך צוזאַם און מ'לערנט, מ'איז עוסק בתורה,** [צריך שיתבוננו שיהא הלימוד באופן הראוי] **מ'זאָל 'משריש' זיין די "מדות טובות",** [וואָס] **מ'זאָל קאָנען זאָגן ברוך שזה ילד ברוך שזה גדל,** [כמבואר בגמרא יומא (כדלעיל אות כב)].

**סז**

**דעס איז דער פשט** [בדברי הגמרא דברכות] **- דער מהרש"א דאַכט זיך מיר זאָגט דאָס** (בברכות שם)[מו], **- שלא יהא בועט באביו ואמו וברבו ובמי שגדול הימנו, טאַקע דאָס איז דער פשט.**

**איך האָב אָנגעהויבן פריערט** (באות כא) [דלכאורה קשה] **פאַרוואָס זאָגט ער גראָד 'דעס'** [דוקא פרט זה].

[אמנם] **אַז ער פירט זיך נישט גוט אויף, איז ער גורם** [לאחרים שיזלזלו באביו ורבו] **- יעדע זאַך אַז מ'איז גורם** [נקרא כמי שעשה כן בפועל] **- מ'איז אַ בועט באביו ואמו, זאָגט מען** [דברי גנות] **אויף "די עלטערן", און מ'זאָגט אויף "דעם רבי'ן", און אויף "די וואָס זענען גרעסער פון אים",** [בטענה עליהם] **פאַרוואָס האָסט דיך נישט אומגעקוקט, פאַרוואָס האָסטו געלאָזט אַזעלעכע גידולים.**

**סח**

**תוכן דערפון:**

**מ'ברויך זיך משריש זיין אין מדות טובות.**

**מ'זאָל זיין אַ "הולך ועושה", אין די "מדות", און אין "פירעכטס".**

**און אין** [עסק ולימוד] **"תורה הקדושה".**

**מ'זאָל מתבונן זיין, משים הלב זיין, מ'זאָל פאַרשטיין וואָס מ'לערנט.**

---

[מה] על פי הדברי יואל, והקונטרס דברי פתיחה.

[מו] ועיין בזה לעיל אות כב.

סט

# ישוב הקושיות בפרשת בחוקתי

[קושיא ג]

האיך נאמר כאן הבטחת שכר עולם הזה, והלא שכר מצוה בהאי עלמא ליכא

**די תורה הקדושה האָט געזאָגט די וואָך, אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם** [ושאר הבטחות ויעודים בשכר עולם הזה].

[והקשו המפרשים כי] **לכאורה** [הוא] **עפּעס שכר בהאי עלמא?** [והלא אמרו] **שכר מצוה בהאי עלמא ליכא.**

ע

**ישוב קושיא ג**

אמנם הכתוב רומז אִם בְּחֻקֹּתַי "תֵּלֵכוּ" וגו' "וַעֲשִׂיתֶם" אֹתָם, שאף אם תלמדו שלא לשמה תהיו בבחינת "הולך ועושה" לילך ממדריגה למדריגה, וללמוד עכ"פ על מנת לעשות, באופן שהלימוד יהא נחשב "הכנה והכשר למצוה" לבא לידי לשמה, ובזה שפיר תושפע לכם גם שכר "עולם הזה"

**איבערדעם זאָגט ער "תֵּלֵכוּ", אַז דו וועסט זיין אַ "הולך"** [ממדריגה למדריגה (כדלעיל אות ל), וגם תהיו בבחינת "עושה" כדכתיב "ועשיתם" אותם, והיינו שתהיו עמלים בתורה על מנת לעשות, כדברי התורת כהנים כאן, שאז כבר נחשב כמי שעושה (כדלעיל אות מ), ותלכו ממדריגה למדריגה לבא לידי לימוד לשמה. והיינו שאף אם תלמדו שלא לשמה, יהיה זה עכ"פ באופן הראוי], **דעס וואָס ס'ברענגט דערצו צום "לשמה",** [אַז] **דער תכלית דערפון** [יהיה בכוונה ואופן] **ס'זאָל צוקומען צום "לשמה",** [דעמאָלטס אויף] **די "הליכה"** [שהוא הלימוד, דהוא "הכנה והכשר למצוה" של לימוד לשמה], **פאַר 'דעם' קומט שוין שכר אויף 'דעם עולם'** (כדלעיל אות מה), [וממילא] **וועט זיין וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וגו',** [שיושפע לכם שכר והשפעה בעולם הזה].

עא

וכל זה מלבד שכר עולם הבא הרמוז בפרשה זו, כמבואר בשל"ה הקדוש

**עקסטערדעם ליגט דאָך אין דעם** [רמוז בפסוקי הפרשה, שכר] **"עולם הבא", זאָגט דאָך שוין דער של"ה הקדוש**[מז]**.**

**אין דעם איז מרומז, אין דעם ליגט די אַלע בחינות** [של שכר] **"עולם הבא", נאָר ס'איז פאַרשטעלט מיט אַזאַ לשון פון** [שכר] **"עולם הזה".**

---

[מז] **בשל"ה הקדוש** (תולדות אדם, בית אחרון) כתב לבאר כי כל התוארים הנזכרים בו יתברך, עין אוזן רגל יד וכן כולם, כל אלו הם לשון קודש, שמם עצמיים שלהם בקדושה, ואחר כך בהשתלשלות לעולם הזה הוא בשאלה, עד שאפילו הגשמיים נקראים בשמות אלו בשאלה. ובזה מבאר למה נקרא לשון התורה לשון הקודש, כי זה היה חכמת אדם הראשון אשר קרא שֵׁמוֹת לכל דבר, עד שנאמר שהיתה מעלתו בזה גדולה ממלאכי השרת, כי ברוח הקודש שעליו בנה אותיות ומלות מיוחסות עם הדבור הפנימיי בשביל שהשמות ההם יורו על שורש הדבר ההוא, וכאילו נאמר שבידיעת התחתונים ידע סוד המרכבות העליונות, כי כל נברא מטה יש לו שורש למעלה.

ואח"כ כתב שם (באות טז) וזלש"ק: ואז מבואר גם כן החקירה למה לא נזכרו היעודים 'הרוחניים' בתורה, **כי הוזכרו והוזכרו**, ואדרבה הם נזכרו 'בעצם' ולא בשאלה, והוא זה. ואביא לך למשל **היעוד הראשון בפרשת בחקותי, וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם**, הנה תיבת "גֶשֶׁם" הוא לשון קודש, כי אלו הַטִּפּוֹת הַמֵּימִיּוֹת היורדות אין שְׁמָם גשם בעצם, רק כח ההשפעה שהיא למעלה למעלה בשרשה נקרא גשם, ואחר כך יורד ונוקב, ובכל עולמות נקרא גשם בשאלה, אבל הוא ממדריגה למדריגה, עד שמקויים (הושע ב, כג) נְאֻם ה' אֶעֱנֶה אֶת הַשָּׁמָיִם וְהֵם יַעֲנוּ אֶת הָאָרֶץ, ונתהוו אלו הטפות המרוות את הארץ והולידו והצמיחו וגורמים חיים לעולם. והמדריגה שהיא למעלה מזה נקרא גם כן גשם, והוא יותר חיים רוחניים, עד למעלה למעלה ברום המעלות אשר שָׁם שֵׁם גשם 'בעצם', הוא החיות הרוחניית הנצחיית, **שהוא סוד תענוג עולם הבא הנצחיי. וכן ענין כל הבטחות שבבחקותי.** נמצא מבואר שאדרבה השכר הרוחני נזכר בעצם, ובעוד אנחנו גשמיים מתבארים לנו התיבות גשמיות כפי ענינינו עתה, הרי נתבאר הכל היטב. ובטחתי בחונן לי דעת כי הנחני בדרך האמת, ברוך חונן הדעת.

### עב
### [קושיא א - ב]

ועד״ז מיושב גם המדרש שמביא לכאן דאדם הראשון אלמלי למד תורה לא מת

**דאָס קען זיין, [וואָס] דער מדרש זאָגט** [בילקוט ראובני] **אין פרשת בראשית, אדם הראשון אלמלי למד תורה לא מת, לכך נאמר אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ.**

[ולכאורה] **וואָס איז דער פשט** (קושיא א), [ומהו השייכות לפסוק זה] (קושיא ב).

### עג
### ישוב קושיא א - ב

והוא ע״פ דברי האור החיים הקדוש כאן, שכתב דהא דתורה מגינא ומצלא
מן החטא, הוא רק בתורה ״לשמה״, ועפ״ז מפרש הכתוב אם בחקותי תלכו וגו׳

[נאָר] **דער אור החיים הקדוש זאָגט**[מח], **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ, אַז דו וועסט לערנען תורה ״לשמה״** [ותקיימו ב׳ המצות שבזה, שלא ללמוד לא להתכבד ולא לקנטר], **תִּשְׁמְרוּ, די תורה הקדושה זאָגט אַן הבטחה** [תִּשְׁמְרוּ] **וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם** [שתנצלו מידי עבירה אף אם בא לידכם].

**זאָגט דער אור החיים הקדוש, - אַזוי זאָגט ער דאָרט, - די גמרא זאָגט דאָך** (סוטה כא.) **תורה איז מגינה ומצלת, די תורה הקדושה איז מציל מן החטא, זאָגט ער** [באוה״ח הק׳], **דאָס איז אָבער נאָר - זאָגט ער - תורה ״לשמה״.** [מה שאין כן] **תורה ״שלא לשמה״, כאָטשיג ס׳איז אויך אַ מצוה,** [ווייל] **מתוך שלא לשמה בא לשמה, ס׳איז אָבער נישט דער עיקר,** [דער] **עיקר המצוה,** [ולכן] **דעס האָט נישט בכח מגין צו זיין אַז מ׳זאָל נישט קומען צו קיין חטא. אַזוי זאָגט דער אור החיים הקדוש.**

**מיט דעם טייטשט ער, אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ, עטץ וועט לערנען ׳לשם מצוה׳, תורה ״לשמה״, זאָגט ער** [הקב״ה] **בין איך** [מבטיח], **איז די תורה הקדושה מבטיח תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, אַז עטץ וועט קומען** [לידי שמירת התורה, ולא תבאו לידי חטא].

[ולדרך זה נמצא דכוונת הכתוב בהסיפא], **דאָס איז אַן הבטחה** [ולא תנאי].

---

[מח] **באור החיים הקדוש** (ריש פרשתן, באופן הז׳): **ואומרו וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ. יתבאר על דרך מה שאמרו במסכת שבת** (לא:) **מכריז רבי ינאי חבל על מאן דלית ליה דרתא ותרעא לדרתא עביד, שעיקר עסק התורה צריך שיהיה לשמור ולעשות, והוא אומרו אִם בְּחֻקֹּתַי, שהוא עסק התורה, תנאי הוא הדבר וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם.**

ואמר וְאֶת מִצְוֹתַי [בלשון רבים], יתבאר על דרך אומרו בגמרא (ברכות יז.) הלומד שלא לשמה נוח לו שלא נברא, והקשו בתוספות (שם ד״ה העושה) עם אותה שאמרו (פסחים נ:) לעולם יעסוק אדם בתורה אפילו שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה, ותירצו כי הם שני אופנים שלא לשמה, אחד לקנטר ואחד להתכבד, לקנטר נוח לו שלא נברא, להתכבד יעסוק שמתוך וכו׳. והוא מאמר הכתוב אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, ותנאי הוא הדבר וְאֶת מִצְוֹתַי שבה, שני מצות הצריכין בלימודה, שלא ילמדו לא לקנטר, ולא להתכבד, אז תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, מבטיח הכתוב שהגם שתבא עבירה לידו יהיה ניצול ממנה, וכאומרם (סוטה כא.) תורה מגינא ומצלא מיצר הרע, וכמו שאמרו במסכת עבודה זרה (יז) באותו מעשה של רבי חנינא ורבי יונתן שחלפו אפיתחא דזונות וכו׳, דכתיב (משלי ב, יא) מזימה תשמור עליך וגו׳. ודקדק לומר וַעֲשִׂיתֶם, על דרך אומרם ז״ל (קידושין לט:) ישב אדם ולא עבר עבירה נותנין לו שכר כעושה מצוה, והעמידוה כשבאה עבירה לידו וניצול ממנה, הגם שאינה אלא ׳שמירה׳, מעלה עליו הכתוב כאילו ׳עשה׳ מעשה מצות.

והגם שדרש רבא (פסחים נ:) בפסוק (תהלים נז, יא) כִּי גָדֹל עַד שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ, זה הלומד שלא לשמה אלא להתכבד, הטעם לא שיש רצון הבורא בלימוד זה, אלא לתכלית היוצא ממנו שיבא ללמוד לשמה. ותורה זו אין בסגולתה להציל מיצר הרע בבא עבירה לידו. ובזה יש לתרץ מה שהקשו שם בסוטה (כא.) לרבי יוסף שאמר תורה בין בעידנא דעסיק בה בין בעידנא דלא עסיק בה מגנא ומצלא, אלא מעתה דואג ואחיתופל מי לא עסקו בתורה אמאי לא אגינא עלייהו, עד כאן. לדברינו אין קושיא, שהם היו לומדים מתחלתם שלא לשמה, ואין כח בתורה כזו להגין עליו מיצר הרע.

KolSatmar.com

**עד**

**והנה אדם הראשון בודאי עשה הכל "לשמה", ואלמלי היה לו גם התורה והיה לומד "תורה" לשמה, היתה מצלת אותו מן חטא עץ הדעת, ולא היה מת**

דאָס קען זיין.

אדם הראשון, ער איז דאָך נתפתה געוואָרן פונעם נחש הקדמוני, [דהיינו מן] די כוחות פונעם "יצר הרע", ווייל ער האָט נאָכנישט געהאַט קיין "תורה" [שמצלת מן היצר הרע].

[ובאמת] ער האָט דאָך געטון אַלדינגס "לשמה", [און] ווען ער העט נאָך גיווען געהאַט אַ "כח התורה" [אויך, והיה לומד "תורה לשמה"], העט ער נישט גיווען אַריינגעפאַלן אין דעם חטא [של עץ הדעת, כי "תורה" כשהוא "לשמה" מגינא ומצלא מן החטא, וממילא] העט געווען גיווען **לא מת.**

[וזהו שאמרו] **אדם הראשון אלמלי למד תורה לא מת,** [כי התורה לשמה היתה מצילתו מידי חטא], **לכך נאמר אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי, שתהיו עמלים בתורה, איז אַן הבטחה תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם,** [וכפירוש האור החיים הקדוש].

**עה**

## ברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן טאַקע:

אז אונז זאָל מיר זיין **מובטח פון השי"ת** [לשמור המצות, ולא לבא לידי חטא].

**מ'זאָל זוכה זיין מ'זאָל דבוק זיין אין די תורה הקדושה באמת.**

דער אייבירשטער זאָל העלפן:

**מ'זאָל נתגדל זיין בתורה וביראה. ס'זאָל זיין אַ נחת רוח פאַר'ן בורא כל עולמים, ס'זאָל זיין אַ כבוד שמים.**

ס'זאָל זיך ציען די תורה, די קְדוּשָׁה, כסדר. [אויף] לדורות.

טאַקע 'בקרב', זאָל דער בורא כל עולמים העלפן מ'זאָל מיר זוכה זיין אַקעגן גיין **פני משיח צדקינו, מקבל פנים זיין בקדושה וטהרה.**

**מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען במהרה בישועת כל ישראל ושמחתן, מתוך נחת ושמחה, בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.**

דברי רבינו בפתיחה זו נאמרה ביום ב' בהר בחוקותי כ"ב אייר תשכ"ד, ביחד עם **סעודה** לכבוד **סיום מסכת פסחים** שסיימו בזמן החורף תשכ"ד, ורבינו שילם הוצאות הסעודה שיהיה גם **"סעודת הודאה"** לאחר שנתרפא ממחלת הרויז, אשר סבל ממנו מלפני פורים עד אמצע חודש אייר, והיה אז שמחה גדולה בין אנשי שלומינו שזכו לשמוע דברי תורה מרבינו לאחר שני חדשים שהיה מונח על ערש דוי. ובשעה שנכנס רבינו זמרו הבחורים לכבוד המאורע הניגון "חַסְדֵי ה' כִּי לֹא תָמְנוּ כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמָיו", וגם רבינו היה בדיחא דעתיה ובצהלת פנים

ועיין עוד בספר עזר מקודש (פרק טז, עמוד שצ) **שרבינו שילם אז סעודה לתלמידי חכמים לעילו נשמת בְּאֵרִי הנביא, והוא סגולה לחולה** (המובא בספר ליקוטי תורה וש"ס להרה"ק מהרי"א מזידיטשוב, פרשת אמור) **בשם** הבעש"ט הקדוש לקבל עליו דכשיתרפא יעשה סעודת הודאה ביום שלישי בשבוע ראשונה כשיעזור השי"ת הרפואה, יעשה סעודת הודאה לשם נשמת בארי הנביא, עיי"ש הפרטים.

KolSatmar.com